STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11943

YUNG LEBN

Workmen's Circle

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גראַדואיר קלאַס, לערער און פאַרוואַלטער

ערשטע רייע זיצנדיק: העראַלד קאַפּלאַן, לערער, מאַלי קאַפּלאַן, שלום סימקין, פאַרזיצער פּעדאַגאָגן־ראַט, י. ש. דיימאַנד, פאַרזיצער צענטראַלן
שול קאָמיטעט, מ. באַגדאַנסקי, לערער, י. ברזלי, לערער; שרה דאַבין, סאָפע קיינער, לאַריין וואָלאָוויטש, יצחק האַלפּערין, רבקה גייער, זכריה
דזששאַסטמען, מילדרעד סילווערמאַן, יודל וואַגמאַן, יהודית קאַליש, קאַרל עלמאַן, סיליע שיקלער, מאיר פריידין, רחל ליבין, דבורה ליביצקי
סאָפע פרידמאַן, ירחמיאל לאַנדזבוים, לאה מייערס, שלום פאַסטעל, משה קאַהן, מרדכי מייערס, שרה עוואַנס, חיים ראָזענפעלד, יואל וויליאַמס,
אברהם מילער, ראָדע דיימאַנד, אַנעט ליפּשולטץ, אליהו וויינשטיין, בעני זייקין, יהודית גאַראַף, פּעסי בראַנשטיין, ליבע שיינאַף, יאַסל
עלביי, ד. פרידמאַן, מ. האָלאַנד, כ. פּאַקס, ע. בערנשטיין, שרה סימקין, ב. קיי, נ. יאַנאָווער, מ. געלבאַרד, פּ. טשעלמער, רייזעלע העלמאַן.

יונג לעבן

אַ זאַמלבוך פון
קינדער שאַפונגען

אַרויסגעגעבן פון די
שיקאַגער אַרבעטער רינג שולן
לכבוד דעם ניינטן גראַדואיר
יום־טוב, שיקאַגע, מאַי, 1936.

אַ גוט יום טוב

ווידער האָבן מיר אַ יום טוב וואָך אין אונדזער מעכטיקן אָרדן, אין אַרבעטער רינג.

אַ גראַדואיר שמחה אין אונדזערע שולן. פון די פיר עלע-מענטאַר שולן גראַדוירן איצט עטלאַכע און פערציק קינדער און עס איז יום טוב אין די שולן, יום טוב אין די עלטערן פאַר-איינעך, יום טוב בא די פאַרוואַלטונגען, און אַ גליקלאַכע פרייד אין יעדן הויז פון וואַנען עס קומען די קינדער וואָס גראַדוירן.

די אידישע פּראָגרעסיווע און ראַדיקאַלע גאַס פייערט דעם יום טוב פון אידישע למודים, פון אידישן וואָרט און עס איז פריילאַך אויפן הארצן און אויף דער נשמה.

אמשטאַרקסטן פילט זיך דער יום טוב בא דער מיטל שול פון אַרבעטער רינג.

דאָרט בא די מיטלשולניקעס גרייט מען זיך ניט נאָר צום גראַדואיר יום טוב, נאָר דאָרט גרייט מען זיך אויך אויפצונעמען די גראַדואירטע. אַ האַרציקן וועלקאָמען פון אמתע חברים און חברטעס, וועלכע זיינען געוועזן דער אַוואַנגאַרד, וועט באַגע-גענען די "פרישע" חברים און חברטעס, וועלכע האָבן שוין די זכיה צו קומען צום גרייטן.

ביז צו דער לעצטער גראַדואירונג איז דער ענין ניט געוועזן אַזוי לייכט. דאָס איז שוין די ניינטע גראַדואירונג פון אונדזערע עלעמענטאַר שולן, אָבער ביז די לעצטע צוויי יאָר האָבן מיר פאַר די גראַדואירטע קיין פּלאַץ ניט געהאַט.

די גראַדואירטע זיינען אַוועק פון אונדז צו פרי. די מערסטע זיינען טאַקע געבליבן מיט אונדז אין גייסט, אָבער ניט אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אונדזער מחנה.

עס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרזוכן צו עפענען אַ מיטל שול מער ווי איין מאָל. די פאַרזוכן האָבן זיך אָבער ניט אינ-גאַנצן איינגעגעבן. מיט גרויסע שוועריגקייטן איז אונדז גע-

לונגען צו דערהאַלטן עטלאכע קינדער אין אַ מיטל שול קלאַס, וועלכער איז באמת אַ גרויסער פאַרדינסט.

די לעצטע פאַר יאָר האָט זיך אָבער די לאַגע באַדייטנדיק געענדערט.

די מיטל שול האָט פאַר די לעצטע צוויי יאָר, מיט די תלמידים פון לעצטן גראַדואיר קלאַס, זיך אַזוי פיין און אַזוי זיכער איינגעבירגערט אין אונדזער גאַס, אַז זי ווערט שוין אַן אמת אינטערעסאַנטער און זייער לויבנסווערטער צווייג, וועלכער ברענגט פראַכטפול שיינע פרוכטן דעם גרויסן און מעכטיקן אָרדן.

די יונגעלייט און יונגפרויען פון דער מיטל שול האָבן שוין באַוויזן אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר צו לאָזן זיך הערן אויף דער אידישער אַרבעטער גאַס מיט זייער וואָרט אויף פאַר־שיידענע געביטן.

ניט נאָר מיט פאַרלייענונגען און דעקלאַמאַציעס, מיט פאַר־שטעלונגען און אַנדערע אַרטיסטישע אַרויסטרעטונגען, נאָר מיט אויפטרעטן אויף אונדזערע „אָפּן פאָרומס“, אין דעבאַטן און אויף ליטעראַרישע יומים טובים. ווי דערוואַקסענע, ווי וואָרט זאָגער און וואָרט פירער האָבן זיי זיך געוויזן.

שוין קען מען מיט פרייד אָנצייגן אויף אייניקע פון דער מיטל שול און זאָגן: „אָט דאָס זיינען די צוקונפטיקע פירער פון אונדזערע מחנות“!

אין דער יוגנט באַוועגונג פון אַרבעטער רינג, אין די יוגנט ליגעס הערט מען זיי, זעט מען זיי ביים רודער פילט מען די ווירקונג פון די מיטלשולניקעס אונדזערע.

באַלד וועט מען זען אויך אייניקע פון זיי אין די רייען פון די שול פירער. מיט איינעם וואָרט די מיטל שול האָט שוין אין איר פּאָטענץ אַן אונגעהייער גרויסן קוואַל פון ״נחת אין די קינ־דער“, וואָס וועט אָפּגעבן מיט א גרויסן פראָצענט פאר די אלע שוועריגקייטן וואָס די פירער פון אַרבעטער רינג האָבן באַ־געגענט אויף זייער וועג אין דער שול אַרבעט.

און ווייל דאָרט איז פאַראַן אַזאַ קוואַל, איז די שמחה נאָך גרעסער, ווען מען זעט דעם ערנסט מיט וועלכער די מיטל שול גרייט זיך אויפצונעמען די ניי געקומענע.

זיי די איצטיקע מיטל שול תלמידים און תלמידות ווערן עלטער. די באוועגונג רעגט זיי און א צאל פון זיי זיינען שוין איצט גאנץ פיין אנגעלאדן מיט אחריות אויף פארשיידענע געביטן פון דער באוועגונג. באלד וועלן זיי אינגאנצן מוזן קאנצענטרירן זייערע אקטיוויטעטן אויסער דער שול און זיי וועלן האבן נאכפאלגער.

דערפאר איז דארט די שמחה גרעסער ווי איבעראל. זיי זעען דעם וואוקס פון דער מיטל שול און זיי זיינען מלא שמחה. זיי גרייטן צו א פייערלאכן קבלת פנים פאר די ניי-געקומענע וואו זיי וועלן זיך מיט זיי צוזאמענרעדן וועגן די ליידן און פריידן פון דער שול און פון דער באוועגונג בכלל.

עס מוז אבער אויך געזאגט ווערן, אז שוין צווישן די „פרישע“, ניי געקומענע, יונגע חברים און חברטעס, געפינען זיך א היבשע צאל זייער וואוילע און זייער פעאיקע תלמידים און תלמידות, וועלכע ווייסן שוין וואס זיי ווילן און וואוהין זיי גייען.

אפשר אויך דערפאר איז דארטן טאקע בא די מיטלשולניקעס אזוי גרויס די פרייד. זיי האבן פריער ווי אנדערע אויסגעפינען ווער עס קומט אריין אלס „פרישע“, ניי-געקומענע אין דער מיטל שול.

דאס איז לייכט צו זעען פון די ארבעטן וואס די גראדוירנדיקע ברענגען אונדז איצט.

דארט וועט דער לייענער געפינען ארטיקלען און דערציילונגען, אפשאצונגען איבער שרייבער און זייערע ווערק, וועלכע זיינען גאנץ וואוילע ארבעטן, וואס וואלטן ניט בעסער געוועזן ווען זיי ווערן געשריבן פון עלטערע. די מיטלשולניקעס וועלכע זיינען נעענטער צו זיי האבן עס דערזעען פריער פון אלע און אויך דערפאר פרייען זיי זיך אזוי.

אבער די פרייד פון זיי איז אויך אונדזער פרייד. איז די פרייד פון דעם גאנצן ארבעטער רינג מיט אלע זיינע אפצווייגונגען און זיין גאנצער פעריפעריע.

עס איז די פרייד פון דער גאנצער ראדיקאלער משפחה און דער יום טוב פון דער פרייער און פראגרעסיווער אידישער גאס וואס פייערט דעם יום טוב.

און מיר ווילן צוגעבן אונדזער ווונש מיט אן אמת הארציקן און פריילאכן גוט יום טוב!

א זיי געזונט און אויך א באגריסונג

י. ש. דיימאנד, פארזיצער צענטראלע שול פארוואלטונג

צו אייך קינדער פון איצטיקן גראדואיר קלאס איז פאר מיר א באזונדער פארגעניגן דעם זיי געזונט און באגריסונג צו שרייבן.

די לעצטע פינף יאר, אנהויבנדיק מיט אייער ערשטן קלאס אין עלעמענטאר שול, און וועלכע האבן זיך געענדיקט איצט, מיט אייער גראדואיר, זיינען אין משך פון מיינע עטלאכע און צוואנציק יאריקע מיטגלידערשאפט אין ארבעטער רינג, געווען די פרוכטבארסטע און שענסטע עפאכע פון טעטיקייטן. אין דער פעריאדע איז מיין אקטיוויטעט געווען געווידמעט צו אייך קינדערלאך פון אונדזערע שולן.

פאר מיר איז געווען א באזונדער פארגעניגן אייך טאג טעגלאך צו באוואונדערן און שעפן נחת פאר דער גאנצער צייט וואס איר האט באזוכט אונדזערע שולן. אייערע קינדערשע עלעמענטאר שול יארן זיינען געגליכן צו דער שיינקייט פון פרילינג. איר האט אנגעהויבן לערנען אין אונדזער שול אלס קליינינקע קינדערלאך ווען איר האט נאר וואס געקראגן פארשטאנד און אנגעהויבן צו באגרייפן וואס ארום אייך טוט זיך. אזוי ווי קנאספן און בלומען אין פרילינג האט איר אין דעם מאי פון אייער שול אנהויב, צעעפנט די בלעטלאך פון אייערע געדאנקען און אנגעהויבן ארויפצוקוקן און איינזאפן אין זיך די שטראלן פון אונדזער זונענשיין. די פארשידענע בליענדע קאלירן האבן געשיינט אין אייערע פנימלאך.

איר זיינט געגאנגען פונם ערשטן קלאס צום צווייטן און האט פארגעזעצט זיך צו ווארימען אין אונדזער אטמאספערע. ווי די פרוכט וואס נעמען אן א פארמע און כאראקטער צום ענדע פון פרילינג, אזוי האבן אייערע געדאנקען אנגענומען א באשטימטע ווענדונג אין לערנען. און אט אזוי ליבע קינדער האט איר געמאכט פארשריט און דורכגעמאכט די דריטע און פערטע קלאסן און צולעצט דעם פינפטן קלאס. איר זיינט איצט פארטיק צו גראדוארין.

אט אין דעם מאמענט, ווען מיר ווילט זיך אייך פארגלייכן צו די שיינע ריינע אונצעלבארע פרוכטן מיט וועלכע די ביימער זיינען אנגעפיקעוועט און באהאנגען אין סוף זמן, קומט מיר אויס זיך צו שיידן מיט אייך. אייערע קינדער יארן זיינען צו ענדע און די טרוימענדע יוגנט הויבט זיך אן. אייך קומט א זיי געזונט אלס גראדואירער פון עלעמענטאר שול און מיר עלטערן און שול טוער ווינטשן עס אייך — מיטן גאנצן הארצן. אבער מיר שטעלן זיך ניט אפ דערביי. מיר באנוגענען זיך ניט מיט א זיי געזונט. מיר באגריסן אייך צו א נייער עפאכע אין אייער לעבן און דאס איז די יוגנט און מיטל שול יארן, א זמן פון צייטיגקייט און וואוקס, קולטורעל און פיזיש.

נאך דעם פרילינג קומט דער זומער. דער סיזאן איז געווידמעט צו וואוקס און קרעפטיקייט. די דערווארמונג וואס קומט פון זונענשיין,

און די זאפט פון ווארעמע רעגנוואסער בליען די נאטירלאכע אוצרות. זעצט פאר אייער שטודיום פון דעם זומער פון אייער לעבן אין אונדזער מיטל שול. אין די יונגנט יארן וועט איר זיך געפינען אין א וועלט פון טרוימען. לאנגזאם און קלאר וועלן מער באדייטנד ווערן אייערע חלומות אין פארלויף פון אייער אנטוויקלען זיך צו פאלקאמענעם מענטשלאכן וואוקס. עס איז דעריבער וויכטיק, איר זאלט אנהאלטן דעם שטודיום וואס איר האט אין אונדזער עלעמענטאר שול אנגעהויבן אין די ווייטערדיקע קלאסן פון דער ארבעטער רינג מיטל שול. איר וועט דערמיט פארפאלקאמען און באררייכערן די געדאנקען און קעגנ־שטאנדן וואס איר האט ביז איצט געלערנט. דאן וועט איר באמת וואקסן ניט נאר פיזיש נאר אויך גייסטיק. ניט נאר וועלן אייערע פעגימלאך שטראלן מיט יוגנטלאכער שיינקייט און רייץ נאר אייערע טרוימען וועלן פארווירקליכט ווערן אין ריינקייט און שיינקייט ווי עס פאסט זיך פאר א גייסטיק געזונטן מענטשן.

אונדזער אידישע געשיכטע, די קלאסיקער און פאלקלאר פון אונדזער ליטעראטור וועט אין אייער מיטל שול שטודיום אייך באַ־רייכערן אייער פאנטאזיע און אייך ציינן די שענסטע וועגן אין דער רייזע פון דעם מענטשלאכן לעבן. איר וועט וואקסן אין אן אטמאספערע וועלכע איז רייך און באצויבערט מיט אוצרות פון גייסטיקן פארגעניגן.

דערמיט קינדער ענדיק איך מיין הארציקן וואונש און זאג צו אייך אלס גראדואיר קינדער און באגרים אייך צו דער באגעגעניש מיט אייך אין די רייען פון אונדזער מיטל שול. זייט געזונט און נעמט אן די הארציקסטע באגריסונגען פון אונדז שול טוער און עלטערן.

זייט געגריסט!

די דיסטריקט קאמיטע פון ארבעטער רינג איז צופרידן זיך צו באנוצן מיט דער געלעגנהייט צו באגריסן די שול טוער, און די קינדער, צו דער געלעגענהייט פון דער גראדואירונג פון 41 תלמידים וואס גראדואירן היינטיקס יאר פון אונדזערע שולן.

די קינדער שולן זיינען אונדזער שטאלץ און די דיסטריקט קא־מיטע איז שטענדיק גרייט צו העלפן אין אט דער וויכטיקער און נויי־טיקער ארבעט פון העלפן דערציען אונדזערע קינדער אין א סאציא־ליסטישן ארבעטער גייסט.

זאלן אייערע הענט געשטארקט ווערן.

שיקאגא דיסטריקט קאמיטע ארב. רינג

נייטען פייגען, טשערמאן

ד. שייער, סעקרעטאר

אַ באַגריסונג פון די לערער און פּעדאַגאָגן ראַט

...און געקומען איז דער יום־טוב'דיקער טאָג פון אונדזער אַר־בעטער רינג שול באַוועגונג. מיר האָבן שוין דערלעבט דעם נײַנטן גראַדואיר יום־טוב.

אַד, וויפיל פרייד און עגמת נפש מיר האָבן שוין דורכגעלעבט אין משך פון די זיבעצן יאָר צייט. ווער ווייסט דאָס אַזוי גוט ווי איר, שול־טוער, וועלכע זײַנען געשטאַנען מיט אונדז זייט צו זייט און אַקסל צו אַקסל אין דער גרינדונג און אָנפירונג פון אונדזער שיקאַגער אַר־בעטער רינג שולן.

היינט איז אָבער געקומען דער שכר פאַר אונדזער שול אַרבעט: אַ קינדער־זאַמלבוך מיט ליכטיקע און פריידיקע שאַפונגען פון אונ־דזערע אַרבעטער רינג שול־קינדער.

אַט אין אַזאַ צייט איז אונדזער האַרץ אָנגעפילט מיט פרייד און האָפנונג פון אונדזער יונגן, אידישן דור, וואָס וועט גייסטיק ניט אָפּגעריסן פון אונדז סיי אַלס איד, סיי אַלס סאָציאַליסט.

איר, שול־טוער און גראַדואירטע קינדער, די הויפּט מחותנים פון אונדזער גרויסער שמחה, זייט האַרציק געגריסט און חדוה'דיק דריקן מיר אײַערע הענט און צוזאַמען מיט אײַך לאָמיר אויסשרײַען אויפן קול מוטיק און יובלדיק:

לאַנג לעבן זאָל אונדזער אַרבעטער רינג שול

פּעדאַגאָגן־ראַט:

שלום סימקין, פּאָרזיצער — מ. בראָנשטיין, סעקרעטאַר — מ. ראַבינאָוויטש

לערער־ראַט:

ה. קאַפּלאַן, מ. קאַרסן, י. ברזלי, מ. באָגדאַנסקי, ל. סטיין

וועלקאָמען!

טייערע חברים און חברטעס פון נײַנטן אַרויסלאָז פון אונדזערע עלעמענטאַר שולן!

מיט קלאַפּנדיקע הערצער דערוואַרטן מיר שוין דעם טאָג פון אײַער אָנקום אין דער מיטל שול.

דאָ בײַ אונדז איז לעבעדיק און פריילאַך און מיר וועלן אויך אײַך מאַכן זיך פילן היימיש און מיט אמת חברשע אויסגעשטרעקטע הענט זאָגן מיר אײַך וועלקאָמען!

זלמן סימקין, סעקרעטאַר פון מיטל שול קלוב.

נאָרט וועסט סייד שול

שרה ראבין

אויף די עלטערע יאָרן אין א פרעמד לאַנד

(א בילד פון צער און בענקשאַפט ביים אלטן אימיגראנטן דור)

— איי, איי, איי! שווער צו פארגעסן יענע יאָרן — זיפצט אונטער סאָסי. און יענטע שלאָגט איר איבער.

— שוין בעסער ניט דערמאָנען זיך די זאכן. איר האָט געהאט אוודאי, א?—

— נו, וואָס הייסט? רב שמערל'ס דירה האָט דאָך גע'שמ'ט איבער גאַנץ פּיאַטקע. — רייסט איר שוין איבער סאָסי.

איך זיץ מיר אזוי און קוק זיך צו ניט ווילנדיק צו די צוויי עלטערע פרויען, באטראכט זייערע אָפּגעבליאַקעוועטע פּנים'ער, זייערע פארטראכטע בליקן, און הער זיך צו ווייטער צו זייער שמועס.

ביידע פרויען זיצן זיך אזוי געמיטליך אין ווייכע פּאָטעל שטולן פון א באקוועמער אמעריקאנער היים און שטריקן עפּעס. — ווי עס ווייזט אויס זיינען זיי אויך אָנהענגערינס פון דער נייער מאָדע. נאָר פון צייט צו צייט גיט מען א הויב אויף דעם קאָפּ און מע כאַפּט א קוק איינע אויף דער אנדערער, און מע רעדט זיך דערווייל אראָפּ ביסלאַכ־וויז פון הארצן אָנגעקליבענע, אָנגעוויטאָקטע געפילן.

ביידע זיינען זיי געקומען אין גאָלדענעם לאַנד, ווען זיי זיינען שוין געווען אין די פופציקער. מע איז גראדע געגאנגען אביסל אין דער ענגלישער אָוונט שול, זיך אָנגעטאַראַבאַנעוועט פאר צוויי יאָר מיט ענגליש, און מע איז שוין גאָט צו דאנקען אמעריקאניזירט.

ווען איך הער זיך צו ווי זיי ריידן, טראכט איך — וואָלטן זיי כאָטש געגאנגען אין אן ארבעטער רינג שול, אנשטאט דער פּאבליק סקול וואָלטן זיי אפשר זיך אויסגעלערנט ריידן אידיש, אזוי, אָבער, קענען זיי ניט קיין אידיש און ניט קיין ענגליש, איז טאַקע זייער גע־שפּרעך אָנגעפּיקעוועט מיט ווערטער וואָס זיינען ניט ענגליש און ניט אידיש, און פון צייט צו צייט הערט מען אזעלכע אויסדרוקן "ווײדימי־ניט" — וואַרט א מינוט, "ביסקי", "גערראדיע" א „גודע נייט", "אפּסטעז" און אזוי ווייטער.

— ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן — רעדט ווייטער סאָסי — ניקאָלייִ, די ערד זאָל אים ארויסווארפן, ימח שמו, א בהלה געבראכט, יע, שווערע צייטן — גיט זי דערווייל א זיפץ—דערנאָך איז פּעטליורע געקומען מיט זיינע באנדעס. די רוצחים זיינען אריין צו שמערלען, זכרונו לברכה.

— אך! — גיט סאָסי א ציטער — אז מע האָט גענומען שמערלען שלעפּן צו דער מיל דאָס בלוט האָט גערונען. מע האָט אים נעבאָך אויסגעשטאָכן די אויגן טאַקע נאָר די אבות אונזערע האָבן זיך פאר אונז געמיט, אונזער פּיצי, זאָל לעבן, האָט דא געהערט אין אמע־ריקע פון אונזערע צרות דאָרטן, האָט ער געשיקט נאָך אונז א דע־

לעגאַט, כהאָב קוים פאַרכאַפּט דאָס ביסל זילבער, ס׳בעטגעוואַנט און אוועק מיט ענגלען און הערשעלען קיין ראַוונע.

דאָ קלינגט דער טעלעפאָן און יענטע לויפט ענטפערן. — עלאָ, האָ, וואָדי וואַנט? דאַננאַ״. — זי האָט ווייזט אוים גאָר ניט פאַרשטאַנען, און מיט אימפּעט פאַרהאַקט דעם טעלעפאָן מיט א ״גיי צו אלדע שווארצע יאָר״.

— זיך געשלעפּט דערנאָך קיין ווארשע — רעדט ווייטער סאָסי, — ״געשטאַנען גאַנצע טעג אין ״אָטשערעד״ ביים האיאַס, געמוזט זיך פּאָקן שטעלן אויף דער עלטער. אנדערש האָט די פּוילישע פּליאַקע ניט געוואָלט, בקיצור, מע האָט קוים דערלעבט זיין אויף דער שיף. נו, נו, איז דאָס געווען א שיף. ס׳האָט געטרייסלט און געוואָרפן פערצן טעג נאָכאַנאַנד. וועה עסן, וואָס עסן, מ׳האָט זיך געקוויקט דאָס הארץ מיט קנאָבל און מיט לימענעס. און דאָ ווערט מיין הערשעלע שלאָף, איך זע, דאָס קינד וואַרפט זיך אין היץ, וואַרפט זיך און קרעכצט, כאָטש גיי שריי חי וקים. טאקע נאָר גאָט אליין, האָט זיך איבער אונז דערבארימט.

— אָט אזוי האָט מען זיך דערשלעפּט צו קאָלאָמבוסן. נו, וואָס, א מדינה, גאָט זאָל אונז ניט שטראָפן פאַר די רייד״.

און אזוי ריידן זיי ארום זייער אלט לעבן, סאָסי און יענטע, וועמען די אומשטענדן אין רוסלאַנד האָבן געצוואונגען צו פאַרלאָזן זייער היים. דאָס לעבן האָט זיי אָן מיטלייד פאַרוואָרפן אין א ניי לאַנד, מיט א ניי שפּראַך און נייע געוואוינהייטן און זיי פילן זיך דאָ, ווי פרעמדע, מ׳איז געווען קולטורלאָז אין דער אלטער היים, אָבער דאָ פילן זיי זיך אי היימלאָז און אי שפּראַכלאָז.

איך קוק אויף די צוויי פרויען, פיל זייער טראַגעדיע און טראַכט וועגן די פילע סאָסיעס און יענטעס וועלכע האָבן צו שפּעט געמוזט עמיגרירן. אמעריקע איז פאַר זיי אַן אייביקער גלות און זיי וועלן זיך דאָ קיינמאָל ניט קענען צופּאַסן. דאָס קליינע שטעטל אין דער אלטער היים, דאָס קליינע שטיבל ביים טייכל איז געבליבן זייער איינציקע טרייסט און זייערע געדאַנקען וואַנדערן אלעמאָל צוריק אהינצו.

סאָפע קיינער

די אַנטשטייאונג און געשיכטע פון ארבעטער רינג

1.

אין פרילינג פון יאָר 1892, אין דער שטאָט ניו־יאָרק האָבן צוויי אידישע ארבעטער, סעם גרינבערג און הערי לאַסקער, צוזאמען געארבעט אין א שניידער־שאַפּ. זיי האָבן באַשלאָסן צו גרינדן א פאַראיין פאַר ארבעטער, כדי צו באַקענען זיך נעענטער איינער מיט דעם צווייטן.

זיי האָבן פאַרגעלייגט זייער פּלאַן צו זייערן א פריינט, גאָלדרייך — א היטל מאַכער, און האָבן צוגעצויגן נאָך א פּאָר ארבעטער.

דעם פערטן אפריל 1892 האבן זיי אלע זיך צונויפגעקליבן אין סעם גרינבערג'ס הויז און האבן געגרינדעט א פאראיין, מיטן נאמען "ארבעטער רינג פאראיין". מיט דעם נאמען האבן זיי געצייגט אז אלע ארבעטער דארפן זיין צוזאמען פאראייניקט ווי אין א געשלאסענעם רינג. דער פאראיין פלעגט פון צייט צו צייט זיך צונויפקלייבן און ריידן וועגן דעם שווערן לעבן פון די ארבעטער.

דער אידישער ארבעטער וואס פלעגט אריבערקומען פון יענער זייט ים, האט ניט געקענט מאכן קיין לעבן, ווייל, ער האט ניט געקענט די שפראך און ניט געקענט קיין מלאכה. האבן זיי געדארפט זוכן אז ארבעט וואס איז זייער גרינג זיך אויסצולערנען, און פאר אזא ארבעט פלעגט מען זייער וויניק צאלן.

אין די שעפער, וואו די אידישע אימיגראנטן פלעגן ארבעטן, פלעגט הערשן די ווילדסטע עקספלואטאציע. אין פינסטערע שמוציקע צימערן פלעגן זיי ארבעטן פון 15 ביז 18 שטונדן א טאג, און פלעגן קריגן פון צוויי ביז דריי טאלער א וואך. די ארימע טענעמענט־הייזער, וואו די מערסטע אידישע ארבעטער האבן געלעבט זיינען געווען פינס־טערע.

די גרינדער פון דעם "ארבעטער רינג" האבן פארשטאנען אז מיטן טראכטן און ריידן פון זייער לאגע וועט די מענטשן גארנישט העלפן, זיי מוזן פארשפרייטן דעם געדאנק וועגן א פאראייניגונג צווישן די ארבעטער, אט דעמאלט וועלן זיי אויסקעמפן א בעסער לעבן. מען האט גענומען ריידן מיט די ארבעטער אין די שעפער, מען האט גע־נומען אויפקלערן זייער לאגע, און אויך די צילן פון דעם פאראיין. די ארבעטער האבן זיך גענומען אפרופן און גענומען העלפן, מער און מער ארבעטער האבן זיך אנגעשלאסן. און דער פאראיין איז מיט דער צייט געווארן באליבט ביי די ארבעטער. און שפעטער האט דער פאראיין גענוצט דינגען א ספעציעלן זאל, וואו זיך צו פארזאמלען.

אין דעם יאר 1900 איז דער פאראיין געווארן אן ארדן, וועל־כער האט געקראגן דעם נאמען "ארבעטער רינג", א מעכטיגע ארגא־ניזאציע איז אויסגעוואקסן פון א קליינעם ארימען "פאראיין", וואס איז געגרינדעט געווארן ערגעץ, אין א ענגן צימערל פון א פינסטערן טענעמענט הויז.

דער ארבעטער רינג איז איצט א שטארקע ארגאניזאציע וואס פארמאגט מיליאנען דאלער, און גיט אויס הונדערטער טויזנטער דאלער פאר פארשיידענע וויכטיקע צוועקן.

ער האט אייגענע שולן, קעמפס, כארן, ארקעסטערס, דראמאטישע סטודיאס, א סאניטאריום, א בית־עולם, לייבאר לייסעאומס — זיין צוועק און פארלאנג איז צו העלפן שאפן א נייע און שענערע וועלט, א פרייע וועלט, וואו מענטשן זאלן זיך פילן גליקלאך, און וואו עס זאלן ניט זיין קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע. "דער ארבעטער רינג" וויל צוזאמען מיט דער אלוועלטלאכער ארבעטערשאפט פאר־ווירקלאכן דעם סאציאליסטישן טרוים און מיט זיין ארבעט העלפט ער ווי וווימ ס'איז נאר מעגלאך דעם טרוים דורכצופירן אין לעבן.

אין דעם ארבעטער רינג געפינען זיך איצט די עלטערן און זייערע פריינט. פאר דער יוגנט האט "דער ארבעטער רינג" געשאפן שולן, וואו קינדער באקענען זיך מיט דער ווייטערער און נאענטער געשיכטע פונם אידישן פאלק, צו וועלכע זיי באלאנגען, און די שולן ווערט געלערנט די אידישע שפראך און אידישע ליטעראטור. אין די שולן געפינען זיך קינדער כארן, קלאסן פון טענץ, קינדער־ארקעסטראס, און קלובן. אין די קלובן ווערן דורכגעפירט דעבאטן און דיסקוסיעס, און אנגענעמע פארוויילונגען. דער ארבעטער רינג האט אויך געשאפן קעמפס פאר קינדער אין זומער־צייט.

דער ארבעטער רינג איז געווארן דער רויטער קרייז פון דער ארבעטער באוועגונג, מיט דעם וואס ער העלפט דער גאנצער ארבע־טער באוועגונג, סיי אין אמעריקע און סיי אין איירָאפּא.

דער יונגער דור דארף זיך איצט נעמען שמידן א צווייטן רינג, א יונגן ארבעטער רינג, ווייל יעדער דור דארף האבן זיין אייגענעם רינג.

לארין וואלאוויטש

דער זעלבסט-בילדונג פאראיין

(אן אמת'ע פּאסירונג)

דער זעלבסט־בילדונג פאראיין, איז געווען אן ארגאניזאציע פון א פּאר הונדערט מיטגלידער, אבער צום באדויערן קומען צו די מי־טינגען בלויז א פופצן מיטגלידער. בא איינע פון די זיצונגען, האבן זיי געזוכט א מיטל ווי צו קריגן א גרעסערע צאל מענטשן צו א לעקציע וואס זיי האבן געפּלאנט צו געבן.

"איך דענק, אז מיר זאלן איינלאדן דעם בארימטן פּראפעסאר גרין", האט איינער פון די מיטגלידער פּארגעשלאגן.

"און איך דיינק, אז מען דארף דורכפירן א טאנץ", האט א צוויי־טער צוגעגעבן.

"אנשטאט א טאנץ, דארף מען האבן א קארד־פּארטי", האט דער סעקרעטאר געזאגט.

"איין זאך" האט דער פּארזיצער אונטערבראכן, "האט איר פארגעסן. איין זאך וואס וועט זיי געווים ברייננען צו אונזערע מי־טינגען איז, פרייע רעפרעשמענטס".

נאך פיל ארומקריגן זיך, האבן זיי באשלאסן דורכפירן א לעקציע מיט דעם בארימטן פּראפעסאר גרין, מיט "פרייע רעפרעשמענטס", און נאכדעם א טאנץ און א "קארד־פּארטי".

דער אוונט פון דער לעקציע איז שוין מיט מזל אנגעקומען. די זאל איז געווען א געפּאקטע. נייע מיטגלידער, אלטע מיטגלידער, אזעלכע וואס צאלן שטייערן, און אזעלכע וואס צאלן ניט, אלע זיינען געקומען.

די באַאמטע זײַנען אַרומגעלאָפֿן פֿרײלאַכע, פֿאַרשמײעטע און האָבן אײנער דעם אַנדערן גראַטולירט אַז דער אָוונט גײט זײַן א "סוקסעס".

די לעקציע האַלט זיך שוין בײַם אָנהױבן. דער באַרימטער פּראָ־פֿעסאָר גרין װעט רעדן װעגן זײַן רײַזע צו דעם פּלאַנעט מאַרס.

דער פֿאָרזיצער האָט געבעטן די מענטשן זיך אײַנהערן און נישט רײדן צװישן זיך. דער פּראָפֿעסאָר האָט אָנגעהױבן װעגן טױזנטער פּלאַנעטן װאָס געפֿינען זיך, טױזנטער מײַלן װײַט פֿון דער ערד. די מענטשן האָבן זיך װײניק װאָס צוגעהערט. די װײַבער האָבן גערעדט. פֿריער שטילערהײט, די קינדער האָבן פֿון צײַט צו צײַט געװײנט; אָדער גאָר אַרומגעלאָפֿן איבערן זאַל און געקװיטשעט.

מענטשן זײַנען אײַנגעשלאָפֿן, און האָבן געכראָפּעט אױף װאָס די װעלט שטײט. אין א צװײטן צימער װאו די װײַבער, האָבן צוגע־גרײט דאָס עסן איז געװען א טומל. װי ס'װײַזט אױס האָבן זײ זיך דאָרטן װעגן עפּעס אַרומגעקריגט. דער פֿאָרזיצער איז נעבאַך ניט געװען בכּח אײַנצושטילן דעם עולם און דער פּראָפֿעסאָר האָט אין מיטן פֿון זײַן לעקציע געמוזט אױפֿהערן רײדן. דער פּראָפֿעסאָר האָט זיך שטילערהײט אַרױסגע'גנבֿ'עט פֿון זאַל.

ענדלאַך האָט מיט מזל דער פֿאָרזיצער אָנאָנסירט, אַז מען קען שױן גײן עסן. די מענטשן האָבן זיך געגעבן א לאָז צו דער טיר פּונקט װי זײ װאָלטן געזוכט צו אַנטלױפֿן פֿון א פֿײַער. זײ האָבן זיך געשטופּט. יעדערער האָט געװאָלט װאָס פֿריער דורכרײַסן זיך דורך דער טיר פֿון װאַנען עס טראָגט זיך א געשמאַקער ריח פֿון די "האָט דאָגס."

װאָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן בײַם טיר איז נישט צו דערצײלן. װאָס עס איז נאָר געלעגן אױפֿן טיש איז שױן אין א פּאָר מינוטן ניט געװאָרן.

מען האָט געכאַפּט, געריסן, און געשלעפּט פּונקט װי זײ װאָלטן פּאָר חדשים לאַנג ניט געגעסן.

א װײַב האָט געשיקט איר מאַן צו קריגן עפּעס פּאַר איר צו עסן. עס חלש'ט איר נעבאַך דאָס האַרץ. ער האָט זיך קױם דורכגעשטופּט. ער האָט א כאַפּ געטאָן דרײַ סענדװיטשעס און האָט זיך געלאָזט גײן אױף צוריק. ער איז געװאָרן אַזױ צעקװעטשט צװישן דעם געדיכטן עולם, אַז ער איז געבליבן שטײן מיט די סענדװיטשעס אין דער לופֿטן.

עס זײַנען אױך געװען אַזעלכע װאָס האָבן שױן ניט געהאַט קײן כּח זיך דורכשטופּן. זײַנען זײ נעבאַך געשטאַנען פֿון דער װײַטנס און אָנגעקוקט דעם בײז װאונדער.

נאָכדעם, װי די מיטגלידער פֿון זעלבסטבילדונג פֿאַראײן האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זײ זיך אװעקגעזעצט שפּילן אין קאָרטן. זײ האָבן נישט געשפּילט זײער לאַנג, װײַל די מענער, װאָס דאַרפֿן גײן פֿרי אַרבעטן, האָבן געװאוסט אַז אויב מען װיל גײן אַהײם עלף אַזײגער, דאַרף מען אָנהױבן שלעפּן די פֿרױען א שטונדע פֿריער.

מיסטער פינקל, איינער פון די קלוגע אידן, האָט נאָך צען אזייגער זיך גענומען בעטן באַ זיין ווייב אז זיי זאָלן גיין אהיים. אָבער ביז זי האָט אַלעמען געזאָגט דריי מאָל "גוד ביי" איז שוין געוואָרן עלף אזייגער.

גייענדיק אהיים האָבן זיי גערעדט וועגן זייער גוטער צייט וואָס זיי האָבן פארבראַכט ביים מיטינג.

זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן אָבער ארום צוויי אזייגער אין דער פרי, האָט מיסטער פינקל זיך אויפגעכאַפּט, עס בורטשעט אים עפּעס אין בויך, יאָ, די "האָט דאָגס" לאָזן אים ניט רוען. זיי גיבן אים צו פילן אז זיי לעבן אויף דער וועלט.

א גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געדרייט און געדרייט פון בויכווייטאָק. פון שלאָפן איז שוין געווען אָפּגערעדט.

יאָ, וואָס אמת איז אמת, דער זעלבסט בילדונג פאראיין האָט דורכגעפירט זייער אן אינטערעסאנטן דערפאָלגרייכן מיטינג און לעקציע. ער היט שטענדיק אָפּ דעם כבוד פון זיין נאָמען און גיט זיינע מיטגלידער אמת'ע בילדונג און אויפקלערונג.

יצחק האלפערין

ארישע ראַסע

די לעצטע צייט לייענען מיר זייער פיל וועגן דעם ווי די נאַצים שטאָלצירן שטאַרק מיט דעם וואָס זיי באַלאַנגען צו דער העכסטער ראַסע אין דער וועלט, די ארישע ראַסע. לאָמיר זען וואָס פאר א מין ראַסע דאָס איז, וואָס איז זייער געשיכטע, און ווער זיינען זיי.

די ארישע ראַסע האָט זיך באוויזן אויף דער וועלט מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אזוי לאַנג צוריק אז מיר וויסן זייער ווינציק וועגן איר. אָבער מיר וויסן יאָ אז די מענטשן פון דער ראַסע האָבן געלעבט אין צענטראל אזיע. זיי זיינען געווען מער אָדער ווייניקער ציווילייזירט, ווייל זיי האָבן געמאַכט קליידער, געבויט הייזער, געזייט און געאַקערט דאָס פעלד, און נאָך עטלאַכע זאַכן. זיי זיינען אויך געווען פאראייניקט אונטער איין פירער און זיינען געווען זייער שטאַרק.

שפּעטער האָבן זיי זיך צעשפּרייט. א טייל האָבן אויסגעוואַנדערט קיין דרום און באַזעצט זיך אין אינדיע. אנדערע זיינען געגאַנגען אביסל ווייטער צו מערב און געגרינדעט פּערסיע, די מלוכה וואָס האָט אביסל שפּעטער פארכאַפּט כמעט די דאַמאָלסדיקע גאַנצע וועלט. און די איבעריקע האָבן זיך צעשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּע, באַזעצנדיק זיך אין גריכנלאַנד, איטאַליע, דייטשלאַנד, פּוילן, רוסלאַנד, סערביע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, די סקאַנדינאַווישע לענדער און כמעט איבער אַלע לענדער פון אייראָפּע. דערפאר שטאַמען ארוים אַלע מאָדערנע שפּראַכן פון זייער שפּראַך.

די וואָס האָבן אויסגעוואנדערט קיין אינדיע האָבן ניט זייער פיל געביטן זייער שפּראַך פאַר די אַלע יאָרן. און אין די אַלטע הייליקע ביכער ווערט דערציילט וועגן די אַמאָליקע גוטע צייטן, ווען זיי זיינען אַלע געווען פאַראייניקט.

אָבער ניט אַזוי איז געווען אין אייראָפּע, דאָרטן האָבן די אַלע אָפּגעזונדערטע לענדער געביטן זייער שפּראַך אַזוי פיל אַז מען קאָן אין גאַרנישט באַמערקן אַז אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן קומען ארויס פון איין שפּראַך, סיידן מען אַנאַליזירט יעדע שפּראַך באַזונדער. דאַן קאָן מען זען ווי אין אַ סך אייראָפּעאישע לענדער איז איין וואָרט זייער ענליך אין אַ סך שפּראַכן. צום ביישפּיל ווען מיר נעמען דאָס וואָרט "טאָכטער" אין אידיש, איז עס "דאָטער" אין דעניש; אין האָלענדיש "דאָכטער" און אין ענגליש איז עס "דאָדער".

די אָריגינעלע פאַרטייטשונג פונם וואָרט "אַריאַן" איז "ערד־אַרבעטער", ווייל אין יענער צייט איז עס געווען די בעסטע אַרבעט וואָס מען האָט געקענט טאָן. עס איז דאַן געווען אַ כבוד צו זיין אַן ערדאַרבעטער אַזוי אַז דאָס וואָרט האָט אָנגעהויבן צו מיינען, לאָרד, נאָביליטעט און גרויסקייט.

אין די לעצטע אויספאָרשונגען ווייזט זיך אַרויס אַז די אַרישע ראַסע איז אַזוי אַסימילירט אַז זיי זיינען נאָר קרובים צו דער אַלטער אַרישער ראַסע. און סאיז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ פול בלוטיקע אַרישע ראַסע.

די דייטשן היינט צו טאָג אונטער היטלער'ס דיקטאַטור ווילן איינשמועסן די גאַנצע וועלט אַז די דייטשן שטאַמען אָפּ הונדערט פּראָצענט פון די אַמאָליקע אַריער, און דערפאַר זיינען זיי דאָס בעסטע פיינסטע און קולטורעלסטע פאָלק אויף דער וועלט. און דעריבער זיינען זיי באַרעכטיקט צו פייניקן און אונטערדריקן אַלע פעלקער און ראַסן וואָס זענען אוים אין זייערע אויגן נידעריקער פון זיי. און דערפאַר מעגן זיי פאַרפאָלגן די אידן.

אָבער די אורזאַך וואָס היטלער גיט אָן איז אַ פאַלשע. ער טוט עס צו ראַטעווען זיך אַליין. ער דאַרף די הילף פון די מענטשן, און זייער גוטן ווילן אויף זיין זייט. זאָגט ער אַז אידן זיינען שולדיק פאַר אַלע צרות פון דייטשן פאָלק, און מען דאַרף די אידן פאַרניכטן. ער ווייס אַז קיינער קאָן זיך ניט אָננעמען פאַר די אידן, ווייל זיי האָבן ניט קיין לאַנד אָדער רעגירונג צו העלפן זיי. דערפאַר קאָן ער טאָן מיט זיי וואָס ער וויל, אָבער עס וועט אים גאַרנישט העלפן. די ערלאַכע מענטשן פון דייטשישן פאָלק צוזאַמען מיט די אַרבעטער מאַסן וועלן סוף כל סוף מוזן איינזען דעם אמת און דעמאָלט וועט זיין ענדע זיין ניט ווייט.

רבקה גייער

פאשיזם און היטלעריזם

דער פאשיזם וועלכער איז געבוירן געווארן אין איטאליע אין דעם יאר 1919, האט געקראגן די מאכט דורך פארשידענע פאלשע וועגן ער האט צוגעזאגט די ארבעטער ארבעט, און אז ער וועט אוועקנעמען פון די קאפיטאליסטן זייערע גרויסע פארמעגנס, און אפגעבן צו די ארימע מאסן.

נאכדעם ווי מוסאליני האט געוואונען די מאסן אויף זיין זייט, און ער האט געקראגן די מאכט, האט ער אונטער די פארמען פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג ניט געקאנט דורכפירן זיינע צוזאגונגען.

ווען דער קאפיטאליזם האלט אז די מאכט איבער די ברייטע מאסן און נוצט זי אויס פאר אייגענע צוועקן איז ער ניט פאראינטערעסירט אין פאשיזם. אבער ווען ער זעט אז זיין מאכט איז אין געפאר. די ארבעטער הויבן אן צו רעוואלטירן און הויבן אן עפנטלאך ארויסצוטרעטן קעגן דעם הערשענדן קלאס, דאמאלט איז ער גרייט אנצונעמען די מעטאדן פון פאשיזם.

אזוי זעען מיר אין דייטשלאנד, האט היטלער געקראגן די מאכט, מיט דער הילף פון די גרויסע קאפיטאליסטן. צוליב דעם וואס נאך דער מלחמה איז דייטשלאנד געבליבן פאראָרימט, באליידיקט און אירע גרענעצען זיינען געווארן קלענער, ווייל א סך לענדער האבן אפגעריסן פון איר וויכטיקע קאלאניעס און פראווינצן. דאס אלץ האט לייכטער געמאכט היטלערן צו פירן זיין אגיטאציע און אפצונארן די ברייטע מאסן אז דורך זיין "נאציאנאל סאציאליזם" וועט ער פארבעסערן די לאגע פון די ארבעטער.

דער שטארקער קריזיס אין דייטשלאנד האט היטלערן געגעבן די מעגלאכקייט צו אנטוויקלען דעם ווילדן ראסן־האס קעגן די אידן, ער האט גענומען באווייזן אז די דייטשן שטאמען אפ פון א העכערע ראסע זיי באלאנגען צו די אמת'ע ריינע אריער און אידן קומען ארויס פון דער נידעריקסטער ראסע, ער האט פארשפרייט דעם געדאנק אז די אידן זיינען שולדיק פארן קריזיס אין דייטשלאנד. און כדי צו פארטומלען די מוחות פון די דייטשן, האט ער אנגעהויבן זיך באנוצן מיט דעם ווילדן ראסן־האס, ער האט אנגעהויבן אפזאגן אידן פון זייערע שטעלעס וואס זיי האבן געהאלטן ביז איצט, און ער האט עס אפגעגעבן צו זיינע פארטיי מיטגלידער, די נאצים, ניט קוקנדיק אויף די מיטלען מיט וועלכע דער היטלעריזם באנוצט זיך, געלינגט אים דאך ניט צו פארבעסערן די לאגע פון די דייטשע ארבעטער, נאר פארקערט, מיר לייענען אין די צייטונגען אז אין דייטשלאנד פעלן אוים די נויטיקסטע לעבנסמיטלען און דער קריזיס ווערט דארט נאך שטארקער. אבער איין טייל פון דער אינדוסטריע איז אויפגעלעבט געווארן און ארבעט מיט פולער קראפט, דאס זיינען די אמוניציע פאבריקן וועלכע גרייטן צו וואפן פאר דער קומענדיקער מלחמה.

דער היטלעריזם אין דייטשלאַנד, זוכט צו פאַרטומלען די מוחות פון די מאַסן, דורך אויפרייצן ביי זיי זייערע נאַציאָנאַלע געפילן און אויפפלאַקערן דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ. דער היטלעריזם פאַרשפּרייט גיפט אין די הערצער פון די מאַסן, אַז די גאַנצע וועלט זיינען דייטשלאַנדס שונאים. דערפאַר זוכט ער איצט דורך מלחמה צוריק צו פאַרכאַפּן די פּראָווינצן און קאָלאָניעס, און צוריק אוועקשטעלן דייטשלאַנד אין די רייען פון די מעכטיקע לענדער, ווי זי איז עס געווען פאַר דער וועלט־מלחמה.

די קאַפּיטאַליסטן וועלכע פּראָפּיטירן פון מלחמה שטיצן דעם פאַשיזם און העלפן אים צוגרייטן אַ נייע וועלט מלחמה, די אַרבעטער פאַרקערט זיינען די וואָס פאַרלירן זייערע לעבנס און געווינען גאָרניט פון מלחמה.

די באַוואוסטזיניקע אַרבעטער אין דייטשלאַנד ווי די סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן שטעלן איין זייערע לעבנס און קעמפן העלדיש קעגן דער היטלער הערשאַפט, ווייל זיי פאַרשטייען אַז דער פאַשיזם ברענגט פאַרוויסטונג, מלחמה, נויט און הונגער פאַר די אָרימע מאַסן. די אַרבעטער דאָ אין אַמעריקע, וועלכע ווייסן און פאַרשטייען אַז דער פאַשיזם באַרויבט די מאַסן פון זייער אויסגעקעמפטער פרייהייט און ברענגט שקלאַפעריי, פינסטערניש און אומגליק פאַר די אַרבעטער, דאַרפן מיט אַלע זייערע כוחות ניט דערלאָזן דעם פאַשיזם אויפהויבן זיין קאָפּ אין זיין אייגן לאַנד, און זען צו העלפן אים פאַרניכטן אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט.

זכריה דזשאָסטמען

וואָס די אַרבעטער רינג שול האָט מיר געגעבן

אלס קינד, האָב איך ביטער באַקלאָגט מיין מזל וואָס איך דאַרף גיין אין אַ אידישער שול. גראַד דאַן זיינען מיינע חברימלאַך נאָך ניט געגאַנגען אין דער אידישער שול. ווען זיי פלעגן זיך שפּילן אין זייערע באָל גיימס אַפן גאַס פריי ווי דער ווינט, האָב איך באַדאַרפט זיצן מיט מיין אָנפאַנגער ביכל אין האַנט, און שווער אַרבעטן אויף אידישע בוכשטאַבן, ווערטער וואָס האָבן דעמאָלט אויסגעזען אין מיינע אויגן אַזוי משונה ווילד. נאָכדעם דאָס לייענען און שרייבן אידיש איז אויך ניט אָנגעקומען אַזוי גרינג.

אלס קליין קינד, איידער איך האָב אָנגעפאַנגען אין דער ענגלישער שול, האָב איך גערעדט אַ וואונדערבאַר פּליסיקן אידיש. אַזוי פלעגט דערציילן מיין מאַמע. איך האָב אפילו אַ וואָרט ענגליש ניט געוואוסט. אָבער דאָס איז אַלץ פאַרגעסן געוואָרן אין מיינע ערשטע פאַר יאָר פון דער ענגלישער שול.

די ערשטע דריי יאָר געווינלאַך, זיינען די שווערסטע. דאָס גאַנצע לערנען איז בלויז אַ צוגרייטונג צו די העכערע לימודים פון די העכערע

קלאסן. אין די העכערע קלאסן הויבן מיר ערשט אָן אויסצונוצן פּראַקטיש אונדזער וויסן אין אידיש. ערשט דעמאָלט הויבן מיר אָן צו פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז. מיר הויבן אָן צו פאַרשטיין ווי שווער עס איז דער קאַמף פאַר א שטיקל ברויט, פאַר א היים, פאַר קליידער און פאַר די נויטיקסטע לעבנסמיטלען. מיר ווערן באַקענט מיטן אַרבעטער קאַמף און ווי זיי שטרעבן זיך צו באַפרייען פון דעם באַלעבאַטישן יאָך. מיר באַקענען זיך מיט פאַקטן, קאַלטע פאַקטן אָבער אמת'ע פון דעם שווערן לעבנס וועג. מיר באַקענען זיך מיט דעם אידעאַל פון אַרבעטער קלאַס צו איבערבויען די וועלט און איינפירן א געזעלשאַפט וואו מענטשן וועלן לעבן צווישן זיך ווי ברי־דער, און ניט ווי קעניג און שקלאַף. מיר הויבן שוין אָן צו באַגרייפן די אומגערעכטיקייט פון דער איצטיקער אָרדנונג.

מיר ווערן באַקענט מיט דער אידישער געשיכטע. מיר ווערן באַ־קענט מיט די ביטערע שווערע איבערלעבונגען פון דעם אידישן פאָלק.

מיר לערנען וועגן פאַרשידענע מאַרטירער, מאַרטירער פאַר פרייהייט און פאַרן סאָציאַליזם. מיר באַקענען זיך מיט אידישע שריי־בער און זייערע וואונדערבאַרע שאַפונגען. מיר דערוויסן זיך וועגן דעם וואָס אידן האָבן אויפגעטאָן פאַר דער וועלט, די פיינע דענקער וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן, די פילאָזאָפן, דאָקטוירים, וויסנשאַפטסלייט און שרייבער. מיר זעען וואָס פאַר א וויכטיקע ראָלע דער איד שפּילט אין די ציוויליזירטע לענדער פון דער וועלט.

איצט, ווען איך באַגעגן זיך מיט די זעלביקע חברים זע איך ווי אָפּגעשטאַנען און אומוויסנד זיי זיינען אין פראַגן וואָס האָבן א נאָענטן שייכות צו זייער אייגן פאָלק. ווי ווייניק זיי פאַרשטייען וואָס עס קומט פאָר אַרום זיי. און וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

מילדרעד סילווערמאַן

די לאַגע פון די ערשטע אידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע

די ערשטע זאַך וואָס אן אימיגראַנט פלעגט באַמערקן דערנעענ־טערנדיק זיך מיט דער שיף צו ניו־יאָרק, איז געווען די סטאַטוע פון פרייהייט. א שטראַל פון נייע האָפענונגען פלעגט אָניפּוואַכן אין זיין האַרצן. ענדלאַך איז ער אָנגעקומען צום צוגעזאָגטן לאַנד פון פריי־הייט, אָבער ניט אַלע האָבן געהאַט דאָס גליק אַריינגעלאָזט ווערן.

פיל צרות און מאַטערניש פלעגט דער אימיגראַנט דאַרפן דורכ־מאַכן איידער ער האָט באַטראָטן מיט זיינע פיס די נויאָרקער גאַסן. אָנקומענדיק מיט דער שיף צום ברעג, פלעגט מען אַרונטערנעמען די אימיגראַנטן צו א פלאַץ וואָס מע רופט קעסל גאַרדן, אָדער עליס איי־לאַנד. דאָרטן פלעגן די אימיגראַנטן דאַרפן דורכמאַכן א שטרענגען עקזאַמען. דאָקטוירים פלעגן עקזאַמינירן דעם אימיגראַנטס פיזישן

צושטאַנד, אימיגראַנטן באַאַמטע פּלעגן איבערקוקן די פּאַספּאַרטן, באַוואַרפן מיט אַן א שיעור פראַגן אין א שפּראַך וואָס איז געווען אַפּט אומפאַרשטענדלאַך פאַר אים. אָפטמאָל פּלעגן א טייל אימיג־ראַנטן צוריקגעשיקט ווערן, צוליב דעם וואָס די אימיגראַציע באַאַמטע זיינען ניט איינגאַנצן צופרידן געווען מיט זיין פיזישן אָדער גייסטיקן צושטאַנד.

ווי, שרעקלאַך עס איז צוריקגעשיקט צו ווערן, נאָך די אַלע פּיי־ניקונגען און צרות. וואָס מע גייט דורך, איידער מע קומט אָן אין קעסטל גאַרדן.

די מערסטע פון די אימיגראַנטן וואָס פּלעגן קומען פון אייראָפּע האָבן אָנקומענדיק קיין אמעריקע נישט געהאַט קיין פּריינט און אַפילו נישט קיין מלאכה. אָבער גליקלאַך זיינען די "גרינע" וואָס האָבן געקענט א מלאכה פון דער היים. די שניידער האָבן גלייך גע־קראָגן ארבעט.

אמאָל פּלעגט טרעפן, אַז מע האָט געשיקט די גרינע ארבעטן אין פאַבריקן וואו מע האָט געסטרייקט. אָבער ווי נאָר די גרינע פּלעגן אויסגעפינען, אַז מע סטרייקט, פּלעגן זיי זיך אויך אָנשליסן אין סטרייק.

יעדער אידישער אימיגראַנט איז געפאָרן קיין אמעריקע מיט די גרעסטע האָפענונגען. א קליינינקייט! מע פאָרט דאָך עפּעס אין א לאַנד, וואו מען שאַרט גאָלד אין די גאַסן. נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אַלע, האָבן געמוזט ארבעטן שווער און ביטער אויף א שטיקל ברויט. דער לוין, וואָס א אידישער ארבעטער האָט אין יענע צייטן געקאָנט פאַרדינען זיינען געווען פון צוויי ביז דריי טאָלער א וואָך.

ארבעטן האָבן אַלע געאַרבעט פון שטיק, און צו פּופצן ביז אכצן שעה א מעת־לעת. אידישע אימיגראַנטן האָבן געאַרבעט ביי העמדער, זעק, שמאַטעס, ביי קינדער־הייזלאַך און בילינע רעק. אסך האָבן אויך געאַרבעט אין בלעך־פאַבריקן און ביי ציגאַרן. וואָרים די מערסטע האָבן נישט געקאָנט קיין מלאכה פון דער היים.

די שפּעטער, וואו די גרינע פּלעגן אריינפאַלן, זיינען געווען קליינע און פינסטערע קעלערן אָדער ענגע צימערן פון טענעמענט הייזער אויף דער איסט סייד נויאָרק. די קליינע שעפּער אין די טענעמענט הייזער האָט מען גערופן "סוועט־שעפּער". אזא שוויץ־שאַפּ איז געווען אי א שאָפּ, אי א וואוינונג. דאָ האָט מען געאַרבעט און דאָ האָט מען אויך געוואוינט. סיי דער באַלעבאָס און אויך זיין פאַמיליע.

אויף דער איסט־סייד אין נויאָרק, קאָן מען נאָך היינט זען טע־נעמענט־הייזער, וואו די ערשטע אידישע אימיגראַנטן האָבן געוואוינט. אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פון דער שטאָט ניו יאָרק האָט אין יאָר 1886 פעסטגעשטעלט, אַז די טענעמענט־הייזער זיינען פּאַסטקעס פון גרויס געפאַר פאַר די איינוואוינער. אין די מערסטע פון די צימערן פּלעגט קיינמאָל ניט אריינקומען קיין זונשיין, און די ווענט זיינען גע־ווען נאַס און צעפוילט.

פיל טענעמענט־הייזער האָבן אַפילו נישט געהאַט קיין פייער־עסקייפּס. האָט אמאָל אויסגעבראָכן א פייער, איז נישט געווען קיין

מעגלאכקייט די זאכן צו ראטעווען. אסך מאָל איז מען אויך געווען אין געפאר מיטן לעבן.

די דירות אין די טענעמענט־הייזער האָבן אויסגעזען ווי צעלן פאר ארעסטאנטן. די מערסטע דירות זיינען באַשטאַנען פון צוויי אָדער דריי צימערן.

שווער איז געווען דאָס לעבן פון דעם ארבעטער אין שוויץ־שאָפּ, אָבער נאָך שווערער און ערגער איז געווען דאָס לעבן פון דער הויזפרוי.

די הויזפרוי האָט געדארפט קאָכן, באַקן, ראַמען, וואַשן, פאַר דער גאַנצער פאמיליע. צו דעם אַלעמען פלעגט זי נאָך אָננעמען ניי־ארבעט, איבער וועלכע זי פלעגט זיצן אין די אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אָט אזוי האָט אויסגעזען דאָס ביטער לעבן פון אונזערע אידישע אימיגראַנטן עלטערן.

יודל וואַגמאַן

דער מאָדערנער ריפּ ווען ווינקל

איר האָט דאָך אוודאי געהערט די מעשה פון דעם אַלטן ריפּ ווען ווינקל.

איך וועל אייך דערציילן א מעשה וועגן א מאָדערנעם ריפּ.

דער מאָדערנער ריפּ איז איינגעשלאָפן אין דעם יאָר 1935 און האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט ביז מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער גאָרניט געקענט פארשטיין וואָס פאר אַן איבערקערעניש ס'איז פאָרגעקומען אין זיין לאַנד. אַלץ איז געווען אַנדערש, זיין הויז, די גאַסן, די שטעט, און אפילו די מענטשן זיינען אויך עפּעס געוואָרן, איידעלער און בעסער.

דער אַלטער ריפּ האָט נאָך געדענקט די צייט ווען רוזוועלט איז געווען פּרעזידענט פונם גרויסן אמעריקע. דאָס גאַנצע לאַנד מיט אירע אינדוסטריעס האָט זיך געפונען אונטער דעם קאָנטראָל פון א קליינע גרופּע מענטשן וועלכע האָבן פארמאָגט ריזיקע סומען געלט און גרויסע פארמעגנס, מען האָט זיי דעמאָלט אָנגערופן מיטן נאָמען די "וואָל סטריט" מענטשן. זייער מאַכט און איינפלוס איז געווען אזוי גרויס אַז אפילו דער פּרעזידענט האָט פאר זיי מורא געהאַט.

אונטער זיי האָט זיך געפונען א גרעסערע גרופּע וועלכע האָט זיך אָנגערופן דער מיטל קלאַס, די גרופּע איז באַשטאַנען מערסטענס פון קליינע געשעפטסלייט, סוחרים, קליינע קרעמער, און אדוואָקאַטן. זיי האָבן זיך געלעבט אין נישקשה'דיקער וואוילטאָג א דאַנק די גוט־האַרציקייט פון די "וואָל סטריט" מענטשן.

און אונטער דעם מיטל קלאַס האָט זיך געפונען א ריזיקער אָרימער קלאַס פון ארבעטער. אָבער ניט אַלע ארבעטער האָבן געהאַט ארבעט און געניג צום לעבן. אפילו אין די גוטע יאָרן האָבן מיליאָנען ארבע־

טער ניט געהאט קיין שטעלעס. אזעלכעס האָט מען גערופן מיטן נאָמען "אנעמפלאָיד".

אַט די ארבעטסלאָזע פלעגן דארפן שטיין פאר שטונדן לאנג אין די רייען צו קריגן א שטיקל ברויט, זיי פלעגן דארפן אָנקומען נאָך שטיצע פון פריוואַטע צדקה אַנשטאַלטן, אָדער זיי פלעגן קריגן "רעליף" פון דער רעגירונג. איז טאַקע דאָס לאַנד געווען אָנגעפילט מיט זייער פיל אומגליקלאַכע מענטשן, קינדער, אַלטע און שוואַכע פלעגן אויסגיין פון קעלט און הונגער. סטרייקס, ארבעטער דעמאָנסטראַציעס און צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי איז געווען א גאַנץ געוויינלאַכע דערשיינונג. ווייל אַלע פאבריקן, די גרויסע אינדוסטריעס, און גרויסע געשעפטן האָבן באַלאַנגט צו דער קלענער גרופּע מענטשן וועלכע מע האָט דעמאָלט אויך אָנגערופן מיטן נאָמען קאַפּיטאַליסטן.

אָבער איצט ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, וואָס פאר אַן אונטערשייד ער האָט געפונען. עפּעס א נייע אָרדנונג, א נייע געזעלשאַפט, און א נייע מענטשהייט, יעדע זאַך אזוי פרעמד, כאָטש אזוי נאָענט און ליב.

די קוילן גרעבער און אויל מינען, די פעלדער און וועלדער און נאַטירלאַכע רעזאָרסן און פארמעגנס, אַלץ באַלאַנגט צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, און ס'ווערט פארוואַלטעט פון אַן אויסגעקליבענער רעגירונג ניט פאר פּראָפיט נאָר פאר דעם וואוילזיין פון אַלע מענטשן.

מען זעט מער ניט קיין מענטשן וואוינען אין פארשטיקטע שענטעס, אין טענעמענט הייזער, מען זעט מער ניט קיין מענטשן אַרבעטנדיק אין שמוציקע פאררויכערטע פאבריקן. אַלץ איז אזוי שיין, ארבעטער וואוינען גאָר אין גרויסארטיקע קאָאָפּעראַטיווע געביידעס וואו עס געפינען זיך די מאָדערנסטע באַקוועמלאַכקייטן. און די פאַבריקן זיינען אַזעלכע אנגענעמע און שיינע, יאָ, עס איז שווער צו וויסן דעם אונטערשייד פון א פאבריק ביז א האָטעל.

און די מענטשן זיינען אַזעלכע פריילאַכע, נישטאָ מער קיין זאָרגן און דאגות, אפילו קראַנקייטן ווערן אַלץ ווייניקער, ליידיקער ווערן די שפּיטאָלן אָבער אָנגעפילט זיינען די טעאַטערן, קונסט מוזעאומס און ביבליאָטעקן.

יהודית קאַליש

ברויט ליין

עס איז געווען אין מיטן ווינטער. א שניי איז געפאַלן ווי האַרטע גרויפּן און געשניטן אין פּנים ווי מיט א בייטש. אין דרויסן האָט מען זעלטן געזען א לעבעדיקן נפש. נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ווער דורכלויפן איילנדיק אזוי שנעל ווי די פיס האָבן אים געטראָגן פאַרשטעלנדיק זיך מיט די הענט דעם פּנים און די אויערן קעגן דעם בייסיקן ווינט.

נאָר ניט ווייט פון מיין הייזקע וואו איך קוק ארויס פון מיין פארפרוירענעם פענסטער און באַטראַכט אַלצדינג זע איך מענטשן גייען זיך פאַמעלאַך ווי זיי וואָלטן זיך געגאנגען פאר א שפּאציר. איך האָב טאַקע געמיינט אז זיי זיינען משוגע, נאָר איך זע ווי זיי גייען אריין אין א קראָם, דורך איין טיר אריין און פון א צווייטער ארויס טראָגנדיק עפּעס אין האנט און זיי קוקן זיך ארום און זוכן א פּלאַץ וואו זיך אוועקצוזעצן.

נאָר איך קען ניט זען וואָס זיי האָבן אין האנט. קען עס זיין עסן? — פרעג איך זיך אויב יע, ווער גיט עס זיי דאָרטן?

טראַכט איך א ווײַלע און באַשליס זיך אָנטאָן און ארויסגיין זען וואָס דאָס איז. אָנגעטאָן זיך ווארים בין איך ארויס געגאנגען באַטראַכטן.

איך גיי צו צו דער קראָם שטעל זיך אוועק און קוק זיך צו צו די מענטשן אָנגעטאָן זייער אָרים, זיי האָבן געטראָגן אָפּגעריסענע קליידער. די מענטשן האָבן מיר זייער שטאַרק פאראינטערעסירט. איך נעם און שטעל זיך אויך אריין אין ליין און גיי אריין אין קראָם. קוקט מיך אָן א מאן און פרעגט מיר: "ווי לאנג ביסטו געשטאַנען אין ברויט ליין?" "אין ברויט ליין? — האָב איך איבערגערעדט. "איך בין איצט צוגעגאנגען". און ער גיט מיר א שטיק פארטריקנטע ברויט און א ביסל קאַווע אין א פּאַפּירענעם טעפּל און איך לאָז זיך גיין אין דרויסן און האַלט אין איין איבעררײדן א "ברויט ליין"; זיי זיינען אוודאי ארבעטער וואָס האָבן נישט קיין שטעלעס. נו, שוין גענוג דאָ געשטאַנען. עס ווערט מיר שוין קאַלט און איך נעם זיך גיין.

גייענדיק אזוי קומט צו מיר צו א יונגערמאן און פרעגט מיר אויב איך ווייס, וויפיל ס'איז דער זייגער. "ניין" — האָב איך אים געענטפערט. נאָר אויב איר ווילט וויסן וויפיל דער זייגער איז, קומט מיט מיר וועל איך אויסגעפינען.

געקומען צו מיין הייזקע, זע איך אז ער ציטערט זייער. פרעג איך אים, אויב ער וויל אריינקומען זיך אביסל אָנוואַרימען. "א דאנק", האָט ער מיר געענטפערט און קומט אַריין. "אוי, וואָס פאר א ביטערע וועלט דאָס איז", זאָגט ער צו מיר. "וואָס מיינט איר?" — איך פרעג אים ווי לאנג איז שוין אז ער ארבעט ניט. ענטפערט ער "שוין באַלד זעקס מאָנאַטן אז איך גיי שוין אזוי ארום זוכנדיק ארבעט און וואו איך גיי זאָגט מען מיר אָפּ".

איך פרעג אים: "וואָס קענט איר טאָן?" — "אַלץ!" ענטפערט ער. "איך האָב אָפּגעארבעט פינף יאָר אין מיסטער דזשאַנסאָנס מעבל פאבריק, איך וויל שוין מער ביי אייך קיין צייט ניט פארנעמען. אָנגעוואַרימט זיך, קען איך שוין ווייטער גיין. איך בין שוין אזוי צוגעוואוינט צו גיין אז איך קען ניט שטיין אויף אן אָרט. "גוד באַי",

ער איז אוועק, און איך בין געבליבן זיצן פארטראַכט.

קארל עלמאן

מיליטעריזם אין די פּאַבליק סקולס

האָט איר אמאָל באַמערקט, פאַרבייגייענדיק א היי־סקול, ווי הונ־דערטער יונגע אינגלאַך, אויסגעפּוצט אין מיליטערישע יוניפאָרמען, מאַרשירן איבער דעם שול הויף מיט ביקסן אויף די פּלייצעס? איר האָט אוודאי זיך געפרעגט די פראַגע וואָס האָבן צו טאָן שולן מיט מיליטערישע איבונגען? אָבער פרעגט ניט אַזעלכע פראַגן, ווייל מען וועט קוקן אויף אייך ווי אויף אומוויסנדע מענטשן.

מיליטערישע איבונגען איז אַן אנערקענטער טייל פון די היי־סקול לימודים, פאַר וועלכע די סטודענטן קריגן פולן קרעדיט פּונקט ווי פאַר אנדערע געגנשטאַנדן.

מען רופט עס אַן מיטן נאָמען אַר. אָ. טי. סי.

וואָס איז אַזוינס די אַר. אָ. טי. סי.? דאָס איז א צווייג פון דער קריגס אָפּטיילונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן. די אַר אָ טי סי געפינט זיך אין אַריבער צוויי טויזנט היי־סקולס און אוניווערזיטעטן. זיי קריגן דאָרט א הונדערט פּראַצענטיקע מיליטערישע דערציאונג. די יוגנט ווערט דאָרט צוגעגרייט צו מלחמה, אַז זיי זאָלן ווי געהעריק קענען פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די רייכע.

די יוגנט ווערט דורך די אַר אָ טי סי דערצויגן אין א גייסט, אַז אַלע ראַדיקאַלן ווי סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן און יוניאָן פירער זיינען א געפאַר פאַרן לאַנד און מען וואָלט באַדאַרפט אַרויסשיקן די פרעמד געבאָרענע פון וואַנען זיי זיינען געקומען. די סטודענטן פון די אַר. אָ. טי סי ווערן געלערנט ווי זיך צו באַנוצן מיט געווער אין צייט פון ראַיאָטן און ווי צו אונטערדריקן סטרייקס. מע לערנט זיי דאָרט דיס־ציפּלין און געהאָרכזאַמקייט צו העכערע באַאַמטע. און ווי צו זיין גוטע לאָיאַלע, פּאַטריאָטישע בירגער פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

א סטודענט אין די אַר אָ טי סי טאָר ניט דענקען זעלבסטשטענדיק פאַר זיך אַליין, זיי מוזן טאָן אַלץ וואָס די אָפיצערן באַפוילן. מען טאָר ניט פרעגן קיין פראַגן. די דאָזיקע יוגנט געפינט זיך אין גאַנצן אונטער דעם איינפלוס פון דער אַרמיי. מע האַלט אין איין אויפפּלאַקערן אין זיי דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ און פּאַטריאָטישע געפילן דורך לעקציעס פון פאַרשידענע מיליטערישע העכערע באַאַמטע.

וואָס ווייסט אַזא יוגנט פון די אמת'ע עקאָנאָמישע אורזאַכן פון מלחמות? פאַר זיי איז מלחמה א אידעאַלער קאַמף פאַר דער פאַרטיי־דיקונג פון זייער היים און לאַנד".

דעריבער מיין איך דאַרף זיין די פליכט פון יעדן ראַדיקאַלן, באַ־וואוסטזיניקן מענטשן, איבערהויפּט די יוגנט וואָס לערנט זיך אין די אַרבעטער רינג שולן צו אָנווייזן די צוקונפטיקע סאָלדאַטן פון דער אַר אָ טי סי, די אמת'ע אורזאַכן פון מלחמות. אַז מען גרייט זיי צו ניט צו פאַרטיידיקן זייער לאַנד פון אַן אַנגרייפנדן שונא, נאָר מע מאַכט זיי גרייט צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דעם קאַפּיטאַליסטישע קלאַס.

כדי דער הערשנדיקער קלאַס, זאָל קענען אָנהאַלטן אָדער פאַרכאַפּן מער קאָלאָניעס. וואָס מער קאָלאָניעס א לאַנד פאַרמאָגט אַלץ גרעסערע מעגלאַכקייטן האָט דער קאַפּיטאַליסט צו פאַרקויפן זיינע פּאַרטיקע פּראָדוקטן און אַלץ ווייניקער דאַרף ער צאָלן פאַר די רויע מאַטעריאַלן. מען דאַרף זיי אָנווייזן ווי דער קאַפּיטאַליסט עקספּלואַטירט די איינגע-באָרענע פון די פאַרכאַפּטע קאָלאָניעס און באַרויבט זיי פון די נאַטיר-לאַכע רעזאָרסן.

די אָרימע מאַסן האָבן גאָרניט וואָס צו געווינען פון מלחמות אָבער א סך צו פאַרלירן, די אַרבעטער זיינען די וואָס פאַרלירן מערסטנס זייערע לעבנס, און אַלס באַלוינונג קריגן זיי נאָכער אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער און נויט.

מיר דאַרפן זיי אָנווייזן אַז נאָר דער סאָציאַליזם וועט אָפּשאַפן מלחמות, וועט ברענגען זיכערקייט און פרידן פאַר אַלע פעלקער און גליק פאַר אַלע מענטשן.

סיליע שיקלער

דער ערשטער מאַי

דער ערשטער מאַי איז א יום־טוב וואָס ווערט געפייערט פון אַלע אַרבעטער אַף דער גאַנצער וועלט. אויף דעם יום־טוב פאַרלאָזן אַלע אַרבעטער זייער אַרבעט און גייען אַרויס אין די גאַסן צו דעמאָנסט-רירן זייער קאַמף קעגן דעם הערשנדיקן קלאַס. זיי האָבן אויסגעקליבן דעם ערשטן מאַי פאַר זייער יום־טוב, ווייל אין דעם מאָנאַט הויבט אַלץ אָן צו בליען און עס איז וואַרים און פריילאַך, און אין אַזא טאָג האָבן זיי מער מוט צו קעמפן.

ווען דער טאָג קומט, איז עס א גרויסע פרייד פאַר אַלע אַרבעטער. זיי מאַרשירן דורך די גאַסן און זינגען לידער וואָס רופן צום קאַמף די אַרבעטער פאַר א שענערע וועלט. גרויסע פאַרזאַמלונגען ווערן געהאַלטן און זיי שטעלן אַרויס פאָדערונגען פאַר קירצערע אַר-בעטס שטונדן און בעסערע באַדינגונגען. זיי פאָדערן אַרבעט פאַר אַלעמען, און בעסערע מעגלאַכקייטן צום לעבן. אין דעם טאָג פאַר-אייניקן זיך די אַרבעטער אין קאַמף קעגן פאַשיזם און מלחמה.

אָבער זייער זעלטן פאַסירט אַז דער ערשטער מאַי זאָל אָפּגיין שטיל און רואיק. דער הערשנדיקער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס וויל ניט דערלאָזן אַז די אַרבעטער זאָלן אַרויסווייזן זייער שטאַרקייט. די רע-גירונג שיקט אונטער פּאָליציי, וועלכע שטערן די דעמאָנסטראַציעס און פאַרזאַמלונגען. פיל אַרבעטער ווערן אַרעסטירט און אָפט ווערן א סך פאַרוואונדעט און דער׳הרג׳עט צום טויט. עס איז זייער א שווערער קאַמף פאַר די אַרבעטער צו געווינען גערעכטיקייט, נאָר זיי פאַרלירן ניט זייער מוט.

ארבעטער קינדער וואָלטן אויך באַדאַרפט איינטיילנעמען אין דער דעמאָנסטראַציע און קעמפן פאַר א גליקלאַכן לעבן. ווייל אויב דער טאַטע אַרבעט ניט ליידן די קינדער אויך נויט און הונגער.

פון אַלע יום־טובים דאַכט זיך מיר איז דער ערשטער מאַי, דער וויכטיקסטער און שענסטער, ווייל עס איז א יום־טוב ניט נאָר פאַר איין פאָלק נאָר פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט. עס איז דער יום־טוב פונם אינטערנאַציאָנאַלן ארבעטער קלאַס וואָס איז די גרעסטע מערהייט פון דער וועלט.

איצט פייערן בלויז א קליינע צאָל מענטשן דעם ערשטן מאַי; א סך ארבעטער פאַרשטייען נאָך ניט די גרויסע באַדייטונג פון דעם יום־טוב, אַנדערע ווידער בלייבן ארבעטן אין דעם טאָג, ווייל זיי האָבן מורא אַז זיי וועלן פאַרלירן זייערע שטעלעס. עס וועט אָבער קומען אַמאָל א צייט, ווען דער ארבעטער קלאַס וועט געווינען זיין מאַכט, דעמאָלט וועט דער ערשטער מאַי ווערן דער גרעסטער און שענסטער יום־טוב פון אַלע ארבעטנדיקע מענטשן פון דער וועלט.

מאיר פריידין

בירא-בידזשאַן און פּאַלעסטינע

(אַן אויסצוג פון א דעבאַטע געהאַלטן אין דער נאָרט־וועסט סייד אַרב. רינג שול, מאָנטיק, דעם דרייסיקטן מערץ, 1936)

איך וועל אייך פּרובירן באַווייזן פאַרוואָס פּאַלעסטינע קען קיינמאָל ניט ווערן אַן אמת'ע אידישע היימלאַנד, און וועט קיינמאָל ניט לייזן די אידישע פראַגע.

1. דאָס לאַנד פּאַלעסטינע איז צו קליין, אונטער די בעסטע אומשטענדן וואָלט זי געקענט אַריינגעמען נאָר א האַלבן מיליאָן מענטשן, וואָס וועט זיין מיט די אַנדערע פופצן מיליאָן אידן פון דער וועלט.

2. זייער א שווערע פּראָבלעמע איז די אַראַבער פראַגע. די ציוניסטן גלויבן אַז מיר אידן האָבן א היסטאָרישן רעכט אויפן לאַנד, ווייל מיר האָבן דאָרט געוואוינט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, אָבער די אַראַבער האָבן דאָך אויך א גערעכטע טענה. זיי וואוינען שוין אין לאַנד פאַר די לעצטע 1500 יאָר; כמעט אַזוי לאַנג ווי די אידן האָבן באַוואוינט דאָס לאַנד אין דער אַלטער צייט. וואָס וועלן מיר טאָן מיט די צענדליקער טויזנטער אַראַבער, וואָס זיינען די מאַיאָריטעט אין לאַנד. וועלן מיר זיי אַריינוואַרפן אין טייך ירדון?

3. פּאַלעסטינע געפינט זיך אונטער דער הערשאַפט פון ענגלאַנד, וועלכע מוז באַזיצן דאָס לאַנד צוליב אירע אייגענע צילן, פּאַלעסטינע מיינט פאַר איר א וויכטיקע פעסטונג פאַר דעם סועז־קאַנאַל, וועלכער איז ענגלאַנד'ס איינציקער וועג צו אינדיע, און אַנדערע קאָלאָניעס אין מזרח. דעריבער וועט ענגלאַנד קיינמאָל ניט אויפגעבן איר מאַכט־איבער פּאַלעסטינע. זי הערשט און וועט נאָך הערשן איבער פּאַלעסטינע מיט אַן אייזערנער האַנט דורך איר הויך־קאָמישיאָנער.

4. די געשיכטע האָט אונדז באַוויזן ביז אַהער אַז קליינע מלוכות האָבן זייער קליינע שאַנסן זיך צו לעבן רואיק און זעלבסט־שטענדיק. שטענדיק געפינט זיך אַ אימפּעריאַליסטישע מאַכט וואָס זוכט צו ווערן די הערשערין איבער די קליינע שוואַכע פעלקער. מיר האָבן געזען וואָס איטאַליען האָט געטאָן צו אַביסיניע, און וואָס יאַפּאַן האָט געטאָן צו מאַנטשוריע. אין דער זעלבער לאַגע וועט זיך אויך געפינען פּאַלעסטינע אפילו זי זאָל ווערן אַ אידיש לאַנד.

5. די אימיגראַציע געזעצן אין פּאַלעסטינע זיינען זייער שטרענגע. וואָס פאַר אַ יאָר ווייטער וועט ענגלאַנד זיין געצוואונגען אַריינצולאָזן אַלץ ווייניקער אימיגראַנטן, צוליב דעם שטאַרקן דרוק און קאַמף פון די אַראַבער. בלויז אַזעלכע אידן וואָס פאַרמאָגן אַריבער 5 טויזנט טאַלער ווערן אַריינגעלאָזט אָן שוועריגקייטן אין לאַנד. וויפיל אידן אין דער וועלט פאַרמאָגן אַזאַ גרויסע סומע אַז זיי זאָלן קענען אימיגרירן קיין פּאַלעסטינע.

6. די פיינטשאַפט פון די אַראַבער צו די אידן ווערט אַלץ שטאַרקער. די הסתדרות אַנטזאָגט זיך אַריינצונעמען אַראַבישע אַרבעטער אַלס מיטגלידער. ווי וואָלטן מיר אידן זיך געפילט ווען די אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעטער וואָלט זיך אָפּגעזאָגט פון אַריינגענעמען אידישע אַרבעטער אַלס מיטגלידער. די אַראַבער האָבן זיכער ניט קיין גרונט אונדז ליב צו האָבן, ווען זיי פילן אַז מיר אידן טרייבן זיי אַראָפּ פון די בעסטע שטיקער לאַנד, מיר פירן אָן באָיקאָטן געגן אַראַבישע פּראָדוקטן, הענדלער און קרעמער. און מיר זוכן צו פאַרכאַפּן פאַר זיך סיי דאָס לאַנד און סיי די אַרבעט.

7. פּאַלעסטינע איז זייער אָרים אין נאַטירלאַכע רעזאָרסן. אַ לאַנד וואָס האָט ניט קיין אייגענע רויע מאַטעריאַלען קען קיינמאָל ניט אַנטוויקלען קיין שטאַרקע אינדוסטריע. אַזעלכע לענדער מוזן מאַכן אַ לעבן בלויז פון אַגריקולטור, זיי בלייבן אויף שטענדיק פאַראָרימט און אָפּגעשטאַנען, ווי צום ביישפּיל עגיפּטן און אינדיע.

8. די ציוניסטן ווילן פאַרוואַנדלען פּאַלעסטינע אין אַ העברעאישן שטאַט. די אידישע שפּראַך ווערט דאָרט אונטערדריקט, די הסתדרות וואָס ווערט באַטראַכט אַלס אַ סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע דערלויבט ניט אימיגראַנטן, וועלכע געפינען זיך צוויי יאָר אין לאַנד, צו ריידן אידיש אויף אירע פאַרזאַמלונגען. פיל אידישע אַרבעטער האָבן אָפּגעלעבט אין אַמעריקע איבער 20 יאָר און האָבן זיך ניט אויסגעלערנט ריידן ענגליש, ווי קען מען דערוואַרטן פון דערוואַקסענע מענטשן זיך אויסלערנען אַ נייע שפּראַך אין משך פון צוויי יאָר צייט. בלייבן טאַקע די אידישע אימיגראַנטן אָפּגעשטאַנען ווייל זיי זיינען ווי שטומע, זיי קענען אפילו ניט קריגן אַ אידישע צייטונג אין לאַנד.

צוליב וואָס זאָל מען אַוועקגעבן אַזוי פיל אומזיסטע ענערגיע אויף אויפצובויען אַ לאַנד, פון וועלכע דאָס אידישע פאָלק וועט אַזוי ווייניק קענען געניסן, ווען די זעלבע ענערגיע וואָלט מען געקענט אָפּגעבן אויף אויפצובויען ביראָ־בידזשאַן, אַ לאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַלע מעגלאַכקייטן צו ווערן אַן אמת'ע גליקלאַכע היים פאַר די אידן, און אַ פרייע אידישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

רחל ליבין

די נאציאנאלע און סאציאלע באוועגונג ביי אידן

אלס רעזולטאט פון די פאגראמען וואס זיינען פארגעקומען אין מערב אייראפע, אין לעצטן העלפט פון נייננטן יארהונדערט, האט די אידישע אינטעליגענץ אויפגעגעבן די האפנונג אז עס וועט אמאל קומען צו פרידלאכע באציאונגען צווישן איד און קריסט. זי האט אנגעהויבן צו גלויבן אז כדי צו לייזן די אידישע פראבלעמען מוזן אידן האבן אן אייגן היים־לאנד, און דעריבער מוזן אידן אויפבויען פאלעסטינע. אט די באוועגונג איז באקאנט געווארן אונטערן נאמען ציוניזם.

אין יענער צייט האט זיך באוויזן א נייער פירער ביי די ציוניסטן מיטן נאמען דר. טעאדאר הערצל. ער איז געווען פאר דעם ציוניזם דאס זעלבע וואס קארל מארקס איז געווען פארן סאציאליזם. אין זיין בוך „יודנשטאט" האט ער וויסנשאפטלאך דערקלערט די נייע באוועגונג. ער האט געזאגט „אדער דאס אידישע פאלק וועט אונטערגיין אין גלות, אדער עס וועט אויפלעבן אין פאלעסטינע ווי א פרייע נאציע מיט אן אייגן לאנד און אייגן מלוכה".

אין דערזעלבער צייט איז אין ווילנע געגרינדעט געווארן דער „אלגעמיינער אידישער ארבעטער בונד אין רוסלאנד און פוילן". די גרינדער פון „בונד" האבן געגלויבט אז די אידישע פראגע קען נאר געלייזט ווערן צוזאמען מיט דער הילף פון דעם אינטערנאציאנאלן ארבעטער קלאס וואס קעמפט פאר דער אפשאפונג פון עקספלואטירטע קלאסן און פאר דער באפרייאונג פון אלע אונטערדריקטע פעלקער. דער „בונד" האט געקעמפט פאר נאציאנאלע קולטורעלע אווטאנאמיע, דאס הייסט אז אידן אלס א מינאריטעט פאלק זאל האבן דאס רעכט צו אנטוויקלען פריי און אומגעשטערט זייער אייגענע שפראך און קולטור, גרינדן זייערע אייגענע שולן, טעאטערס, ארויסגעבן ביכער, און אז. וו. ער האט געגלויבט אז אידן זיינען א נאציע און מוזן קעמפן פאר זייער נאציאנאלע רעכט, פונקט ווי פאר זייער בירגערלאך און פאליטישע רעכט.

די דאזיקע ארגאניזאציע האט זייער פיל אויפגעטאן פאר דער קולטורעלער און פאליטישער אנטוויקלונג פון די אידישע מאסן און פאר דער רוסישער רעוואלוציע.

אין יענער צייט איז אויך געגרינדעט געווארן נאך אן אידישע פארטיי, די פועלי ציון. די גרינדער פון די פועלי ציון האבן געגלויבט אין דעם סאציאליסטישן אידעאל. זייער פראגראמע איז געווען נאציאנאלע פאליטישע אווטאנאמיע אין די גלות לענדער, פאלעסטינע אלס טעריטאריע און דער סאציאליזם אלס פראגראם מאקסימום.

די דאזיקע פארטייען און באוועגונגען האבן אויסגעאיבט א גרויסן איינפלוס אויף די אידישע מאסן. ביי היינט צו טאג שטעלן זיי מיט זיך פאר די פארשידענע אידעען גרופירונגען וואס געפינען זיך ביי אידן וועגן די צוויי וויכטיקסטע פראבלעמען, די נאציאנאלע און סאציאלע דערלייזונג פון די אידישע מאסן.

דאָגלאַס פּארק שול

דבורה ליביצקי

אַ יאָר טעטיקייט ביי אונז אין שול

קינדער! קומט! לאָמיר נעמען אַ רייזע איבער אונזער דאַגלאַס פּאַרק ארבעטער רינג שול און לאָמיר זען וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן פאַר דעם פאַרגאַנגענעם יאָר. מיר וועלן אָנפאַנגען מיט דעם ערשטן זשורנאַל פון אָנפאַנג יאָר.

דער עלטערן פאַריין מאַכט אַ גרויסן קאָנצערט און אַלע קינדער שמייכלען פאַר פריידּ צו דערגרייכן, צו זען אונזער ארבעט געדרוקט און צוזאַמען געלייגט אין איין בוך. ווי שיין דער בוך קוקט אויס מיט די פאַרשיידענע קאָלירן.

איצט גייען מיר ווייטער און זען די אַקטיוויטעטן וואָס גייען אָן אין די קלאַסן. מיר לערנען ליטעראַטור וואו מיר ארבעטן אויס פּראָיעקטן פון פאַרשיידענע שרייבער. אין געשיכטע, זיינען אַלע לעבעדיק פאַראינטערעסירט. מיט ערנסטע פּנימער לערנען מיר און פּרובירן פאַרשטיין די וויכטיקייט פון דעם לימוד. אין קלוב ווערן אָנגעפירט דיסקוסיעס, דעבאַטן און סאָציאַלע פּראָבלעמען, מיר פירן דורך פּראָגראַמען פון דעקלאַמאַציעס, שפּילן פּיאַנאָ, זינגען און באַשטימען דורכצופירן געוויסע שפּילן מיט גרויס אינטערעס.

דורך דער צייט פון שול יאָר לערנען די קינדער, פּאַרלעזונגען, און דעקלאַמירן זיי ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן ווי חנוכה און נאָך פאַרשיידענע יום־טובים, וועלכע ווערן געפייערט אין דער פאָרמע פון קאָנצערטן.

אין די קלענערע קלאַסן לערנען זיי לייענען און שרייבן אידיש, אָבער אויך זייערע טאַלאַנטן ווייזן זיך ארויס דורך זייער דעקלאַמירן ביי זייערע קלובן, דורך דער צייט פון שול יאָר גייען די קינדער מיט די לערער ארויס צו דעם מוזעאום און אַנדערע וויכטיקע פּלעצער.

און איידער מיר קוקן זיך ארום גרייטן מיר שוין צו דעם צווייטן נומער פון אונזער זשורנאַל. דער זשורנאַל איז נאָך שענער און אינטערסאַנטער, ווייל אַלע קינדער פון אַלע קלאַסן האָבן אנטייל גענומען אין דער ארבעט. איבערהויפּט האָט אונזער קלאַס געהאַט זייער אַ סך פאַרגעניגן מיט דעם וואָס: איינער האָט געדרייט, אַ צווייטער האָט דערלאַנגט פּאַפּיר, און אַ דריטער איז געלאָפן אהין און אהער. אַלע זינגען לידער אין צייט פון ארבעט. געזאַנג האָבן מיר יעדע וואָך און די לידער וועלכע מיר האָבן זיך אויסגעלערנט נוצן מיר צו יעדער געלעגנהייט. אַלע זיינען געווען פריילאַך וואָס מיר וועלן קענען ארויסגעבן איצט אַ זשורנאַל אין וועלכן מיר האָבן געהאָלפן אין דער טעכנישער ארבעט.

עס קומט דער טאָג ווען אונזער זשורנאַל איז שוין פאַרטיק, צוזאַמען געלייגט און געבונדן. דאַן נאָך אַ באַנקעט לכבוד דעם זשורנאַל, אָבער אַ גרויסער פּראַכטפולער. מענטשן אָן אַ שיר. קינדער דעקלאַמירן און דאַנקען זייער לערער און זיין פרוי, דעם עלטערן

פאַראײן און די שול פאַרוואַלטונג פאַר זײער מי און אַרבעט. אין'ם „פאָרווערטס" איז געשריבן געוואָרן אַ גרױס אַרטיקל פון חבר ספיוואַק וועגן אונזער זשורנאַל. ער האָט כמעט אַלע קינדער דערמאָנט.

נאָכן זשורנאַל קומט פּסח. האָבן מיר ווידער אַ קאָנצערט. מיר שפּילן שפּאַסיקע סצענעס, דעקלאַמירן וועגן פּסח, זינגען און אַזױ ווײטער.

און איצט גרײטן מיר זיך צו צו דער גרעסטער שמחה — אונזער גראַדואיר יום־טוב. דאַן וועלן מיר אַרײנטרעטן אין מיטל־שול וואו איך האָף אונזער ליבער חבר קאַפּלאַן וועט מיט אונז זײן און ווײטער אונז העלפן צו שמידן אונזער לעבן און דערציען אונז אויף דעם אופן ווי ער האָט געטאָן ביז איצט — אַ חבר און אַ וועג ווײזער.

סאָפיע פרידמאַן

אונזער שמחה

עס איז געקומען אונזער שמחה
ווי גרויס און שטאָלץ איך פיל,
עס איז פאַר מיר אַ גרויסער יום־טוב
ווייל איך האָב דערגרייכט מיין ציל.

איך בין אָנגעקומען אין שול
צו לערנען מיין מוטער־שפּראַך,
צו שרייבן און לייענען אידיש
אַ וואונדערבארע זאַך.

פיר יאָר בין איך געגאַנגען
פיר וואונדערבארע יאָר
אַזוי פיין פאַרבראַכט זיך,
עס קען ניט זיין קיין פּאָר.

איצט ביי מיין גראַדואירונג
וויל איך זיך האַרציק אויסדריקן
מיט דאַנקבאַרקייט מיין לערער
פאַר העלפן מיר בויען שטאַרקע בריקן.

בריקן פאַר מיין צוקונפטיקן לעבן
שטאַרק פון מיינע טרעט זיך ניט צובויגן,
איך זאָל קענען אויף זיי גיין
אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן.

יוחמיאל לאנדזבוים

מיין ארבעטער רינג שול

ווען איך בין אלט געווען 9 יאָר בין איך אריינגעקומען אין דער ארבעטער רינג שול. איך האָב געהערט אין דער היים אז מיין טאַטע האָט געזאָגט: ״ירחמיאל, דו וועסט אריין אין דער ארבעטער רינג שול״. איך האָב אים אויסגעהערט און צו זיך געטראכט, ״וואָס איז דאָס אזוינס די ארבעטער רינג שול?״ איז דאָס א חדר, אָדער עפּעס אנדערש? מיין מאַמע האָט געוואָלט אז איך זאָל אויפוואקסן א פרומער און א רעליגיעזער מענטש.

דעם ערשטן טאָג וואָס איך בין אריין אין שול׳ האָב איך גלייך פאַרשטאַנען אז דאָס איז אינגאנצן אנדערש ווי א חדר. איך האָב באַמערקט אז די אינגלאַד זיצן אַן היטלאַך, דער לערער האָט ניט קיין בייטש אָדער שטעקן, און דער געשפּרעך ווערט געפירט אין אידיש.

דאָס לערנען האָט אָנגעהויבן פאַר מיר ווערן אינטערעסאַנט און וויכטיג. אויף גיך האָב איך זיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן. דער לערער האָט מיר ארויסגעהאָלפן אין דער ארבעט און מיט דער צייט האָב איך זיך דערפילט אלס א טייל פון דער שול. אין א פּאָר יאָר ארום בין איך אַנגעקומען אין די העכערע קלאַסן. דאָרטן איז דאָס לערנען געווען אנדערש. איך האָב אָנגעפאַנגען צו לערנען געשיכטע, ליטעראַטור, און סאָציאַלע פראַגן.

דאמאָלסט האָב איך זיך באַטייליגט אין פארשיידענע פּראָגראַמען פון אונזער שול, ווייל איך האָב זיך אויסגעלערנט פּאָעמעס און אַיינ־אַקטערס וועלכע מיר האָבן פאָרגעשטעלט ביי קאָנצערטן.

פאַר דעם לעצטן יאָר געפינען מיר זיך אין גראַדואיר קלאַס. די ארבעט אין דעם גראַדואיר קלאַס איז געווען פאַר דעם גאַנצן יאָר זייער אינטערעסאַנט. מיר האָבן זייער א סך געלערנט אין געשיכטע, אין ליטעראַטור און אין סאָציאַלע פראַגעס. אין ליטעראַטור האָבן מיר דורכגעפיט פארשיידענע פּראָיעקטן.

דער זשורנאַל וואָס אונזער קלאַס האָט ארויסגעגעבן איז זיכער א שטאָלץ פאַר אונזער שול.

גייענדיק אין היי־סקול און באקענענדיק זיך מיט אנדערע אידישע באָכערים און מיידלאַך זע איך ערשט איין און פאַרשטיי וואָס פאַר אַן ענטוויקלונג, גייסטיק און געזעלשאפטלאַך, די שול האָט מיר גע־געבן. איך האָב דאָ גאָרנישט דערמאָנט וועגן דער ריין סאָציאַליסטי־שער דערציאונג וואָס איך האָב געקראָגן אין דער ארבעטער רינג שול.

איצטער גרייטן מיר זיך צו דער גראַדואירונג וועלכע וועט פאָר־קומען אין מאַי. איך האָב אָבער ביז איצטער געלערנט בלויז דעם עלעמענטאַרסטן טייל אין אונזער פּראָגראַם. די מיטל שול וועט זיין א פאָרטזעצונג פון אונזער ארבעט. איך האָף אז די ארבעט אין דער מיטל שול וועט זיין נאָך אינטערעסאַנטער.

לאה מייערס

אונזער קלאס

א פייף, א געשריי, א לאך, א קוויטש, אהא, דאס איז מיין קלאס. אזוי האב איך זיך געטראכט ווען איך בין נאר וואס אריינגעקומען אין דעם צווייטן צימער פון אונזער שול. איך עפן אויף די טיר פון אונזער קלאס צימער און דערזע אז אונזער לערער, חבר קאפלאן איז ניטא אין צימער. דערפאר איז אזוי טומלדיק. ביי דער פיאנע זיצט שרה עוואנס, זי זינגט און אקאמפאנירט זיך אליין. אין אן אנדער ווינקל פון צימער שטייען די אינגלאך און רעדן פאליטיק. מע זינגט און מע לאכט און מע רעדט. אבער פלוצים עפנט זיך די טיר און עס באווייזט זיך אונזער לערער.

דאמאלט ווערט א טומל א לויפעניש. אלע ווילן זיך אוועקזעצן עס זאל אויסזען אז זיי האבן ניט אנטייל גענומען אין די אלע שטיפערייען. מיין לערער, אבער קאנט איר ניט אפנארן. ער ווייסט שוין אז אלע זיינען געווען שולדיק אין דעם גרויסן טומל. עס איז אבער שפאסיק צו זען ווי אלע לויפן צו זייערע פלעצער און א שמייכל צעשפרייט זיך אויף זיין פנים, ווי באלד מיר זעען אז ער שמייכלט ווייסן מיר שוין אז קיין גרויסן פסק וועלן מיר ניט קריגן. שפאס האבן מיר געהאט גענוג. און מיר האבן זיך אוועקגעזעצט און מיט ערנסט גענומען זיך צו דער לעקציע.

ווי איר ווייסט פייערט מען איצטער דעם הונדערט-יאריגן יובילייאום פון מענדעלע'ן האבן מיר גענומען לייענען און דיסקוסירן דעם לעבן פון דעם גרויסן אידישן שרייבער מ. מ. ס. מענדעלען רופט מען דער "זיידע" פון דער אידישער ליטעראטור. ער איז געווען דער ערשטער גרויסער אידישער שרייבער וואס האט געמאכט די אידישע ליטעראטור וויכטיק. ער איז געבוירן געווארן אין 1835 ביי עלטערן וואס זיינען געווען זייער פיינע מענשן.

אין זיינע יונגע יארן האבן זיינע עלטערן איהם געגעבן א גוטע דערציאונג. ער האט געהאט א גוטן קאפ און א ווילן צום לערנען. ער איז געגאנגען פון איין מלמד צו דעם אנדערן. ניט לאנג שפעטער איז זיין טאטע'ס פרנסה געווארן אלץ ערגער און ערגער ביז פון זארג איז ער געשטארבן.

נאך זיין פאטער'ס טויט זיינען אנגעקומען שווערע צייטן און אונזער גרויסער שרייבער האט זיך באקענט מיט די אלע שוועריקייטן פון דעם אידישן פאלק.

עס איז געווארן שפעט, און אונזער לערער האט אונז געזאגט א גוטע נאכט. און מיר זיינען אלע אוועקגעגאנגען אהיים דיסקוסירנדיק דעם לעבן פון מ. מ. ס. דער ערשטער גרויסער אידישער שרייבער וואס האט געלייגט דעם ווינקלשטיין פאר דער מאדערנער אידישער ליטעראטור.

שלום פאַסטעל

יום טובים און זייער באַדייטונג אין מענשענס לעבן

פסח

איידער מיר טרעטן צו צו דער סאָציאַלער און געשיכטלאַכער ווערט פון יום טוב דאַרפן מיר אָנדייטן דאָס וואָס מיר ווייסן, אין קורצן, וועגן יום טובים און זייער נויטווענדיקייט אין א מענשענס לעבן.

א יום טוב ווייסן מיר איז אן אָנדיינק פון די גרויסע מאָמענטן וואָס א פאָלק אָדער שבט לעבט דורך אין צייט פון זיין היסטאָרישער אנטוויקלונג. א סעריע יום טובים קען מען זאָגן איז די געשיכטע פון א פאָלק אין קורצן. א יום טוב קען מען נישט אזוי ליכט פארגעסן אָדער אָפּשאַפן ווייל דאָס איז א זאך וואָס די געשיכטע האָט באַשאַפן, נישט אן איינצעלנער. און דערפאַר, וועלן יום טובים וועלכע זענען אנדיינקען פון היסטאָרישע מאָמענטן אריבערשטייגן געשריבענע געשיכטע און ליטעראַטור, ווען עס קומט צו באקענען זיך מיט היסטאָרישע מאָמענטן. דאָס הייסט, אז יום־טובים וועלכע זענען אָפּקלאַנגען פון וויכטיקע געשעענישן אין דער אידישער געשיכטע וועלן זיך אריינקריצן מער אינם זכרון פון א פאָלק איידער שריפטן איבער דער זעלבער געשעעניש. אָבער פאַר איינצעלנע, יחידים, איז עס נישט אלעמאָל אזוי. ווייל א יום טוב איז א פייערונג, און אויב דער איינצעלנער לייענט א סך קאָן ער זיך אריינטראַכטן און טאַקע ארויסנעמען די גאַנצע סאָציאַלע און געשיכטלאַכע באַדייטונג פון דעם אָדער יענעם אינצידענט וועלכער האָט געשפּילט א גרויסע ראָל אין דער אויפלעבונג אָדער דורכפאַל פון זיין פאָלק.

אָבער, איך דענק אז עס איז דאָ נאָך א וויכטיקערע פונקציע פון יום טובים. יעדער מענש זוכט זיך זיין יום טוב. א יום טוב קען בלויז זיין א צייט ווען מען רייסט זיך אוועק פון דעם איצט און מען פילט זיך אָן מיט די וואַרימע שטראַלן ליכט וואָס באַפרייען דעם מענשן פון זיין טאָג־טעגלאַכן יאָך. אָן יום טוב וואָלט דער לעבן געווען מאָנאָטאָן, יעדן טאָג די זעלבע זאך, ארבעטן, עסן, און שלאָפן.

אויב אונז איז באַקאַנט די געשיכטע פון מיטל־אלטער ווייסן מיר אז ווען די עקספּלואַטירטע קנעכט, וועלכע האָבן געוואוסט בלויז אז זיי דאַרפן ארבעטן פון זון אויפגאַנג ביז זון אונטערגאַנג, האָבן אָנגעפאַנגען גיין אין קלויסטער ווען רעליגיע איז אָנגענומען געוואָרן, איז עס בא זיי געווען א יום טוב, אן אינערליכע באפרידיגונג, ווייל זיי האָבן ערשט איצט אָנגעפאַנגען זייער סאָציאַלע צוזאַמענלעבונג.

דער איינציקער הסרון, איז וואָס אָפט מאָל ווערט דער יום טוב געפייערט אין א פאַלשן אָדער א סך מאָל, אין א שעדליכן וועג. א סך מענשן נוצן אויס זייער יום טוב מיט דעם וואָס זיי גייען צו בילינע מואוויס, פרייז פייטס, א. אז. וו. נאָך א זאך וואָס איז נישט אויסער־געוויינלאך אין אמעריקע איז דער פּראָבלעם פון דעם אידישען קינדס

יום טוב. מיר ווייסן אז עס זענען דאָ אידישע יום טובים אָבער א סך אידישע קינדער האָבן, אָדער אסימילאטאָרישע עלטערן, אָדער וואוינען אין נישט אידישע סביבות, און דאן ווילן זיי פייערן ניט אידישע יום טובים, קריסטמעס, איסטער, א. אז. וו. ניט ווייל דאָס קינד וויל זיין א גוי נאָר ווייל זיין אומשולדיקער פארלאנג פאר יום טוב איז זייער שטאַרק.

איינער איז ניט קיין שקלאַף ווען מען צווינגט אים און ער לאָזט זיך ניט און קעמפט אלעמאָל פאר זיין פרייהייט. בלויז אין נאָמען איז ער א שקלאַף ווייל דער שקלאפן־טרייבער האָט אים געקויפט, אָבער אינערליך איז זיין הארץ און גייסט קראנק און שוואך, דאָך אָבער האָט ער א פארלאנג, א גייסטיקן, פאר פרייהייט. דער איז אַ שקלאַף וועל־כער לאָזט זיך אונטערדריקן און פראָטעסטירט ניט. זיין גייסט ווערט שוין פארפוילט, מיט געפילן פון אונטערטעניקייט און אייביקער שקלא־פעריי. ערשט דאן ווען א פאָלק איז פארשקלאַפט אין דער צווייטער לאגע, ווען זיין גייסט איז פאראליזירט איז דאָס פאָלק פארלאָרן אין די הענט פון די שקלאַפן טרייבער.

צו אונזער גליק זענען די געפילן פון שקלאַפעריי און אונטער־טעניקייט געווען ווייניק. בא די וועלכע האָבן געארבעט פאר פרעה׳ן. נאָר א קליינע צאָל פון זיי זענען געווען גרייט ארייננצוטרעטן אין גיהנום וואָס דער טיראן האָט צוגעגרייט פאר זיי אָן א וואָרט פון פראָטעסט.

דער רוף צו אן אייגן לאנד, צו באַפרייאונג, האָט באַגייסטערט און דערפרישט די פארקלעמטע הערצער פון די אידן וועלכע האָבן געוואַרט פאר זייער פרייהייט און האָבן דאָס געקראָגן.

אָט דאָס זיינען די געדאנקען וואָס דער יום טוב פסח רופט בא מיר ארויס. צוליב די ריין מענשליכע שטרעבונגען צו פרייהייט וועל־כע האָבן זיך דערוועקט ביי די אידישע שבטים מיט פיר טויזנד יאָר צוריק איז פסח פארעכנט ביי אלע מענשן אלס א גרויסער און זייער חשוב׳ער יום טוב. איך, אלס איד און רעוואָלוציאָנער פיל זיך דאָפּלט שטאָלץ מיט דעם יום טוב און האָף אז יעדער דערוואַקסענער און קינד וועט שטעלן פסח אלס דיינקמאָל פון דער באַפרייונג פון זיינע עלטער זיידעס, וועלכע איז אויך אונזער באַפרייאונג.

איצטער וועלן מיר צוטרעטן צו אונזער פונקט.

אזוי ווי א יום טוב איז אַן אנדיינק פון א וויכטיקן מאָמענט אין דער היסטאָרישער אנטוויקלונג פון א פאָלק, איז פסח דער וויכטיגס־טער אידישער יום טוב, ווייל ער איז אן אנדיינק פון דעם גרעסטן מאָ־מענט אין לעבן פון דעם איינצעלנעם און פון דעם כלל. מיר קענען אויך זיכער זיין אז מיט דעם וואָס מען היט אָפּ פסח, באַפרידיקט מען דעם פארלאנג פאר יום טוב אויפן שענסטן אויפן.

מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן אויף דער געשיכטע פון פסח מיט אלע אינצידענטן, בלויז זיך דערמאָנען אַז דער לאגע אין עגיפטן אונ־טער פרעה׳ס הערשאפט.

צוליב א פֿאַרדריסלאַכן טעות האָבן זיך פֿאַרמישט די פּאַראַגראַפֿן אויף זייטלאַך 38־39 פֿון שלום פֿאַסטל'ס עסיי. די ערשטע פֿיר פּאַראַגראַפֿן אויף זייטל 38 דאַרפֿן פֿאַרענדיקן די עסיי. אַזוי אַז דער אָנהויב „איינער איז" און „אויב אונזער באַפֿרייאונג" דאַרפֿן פֿאַרענדיקן די עסיי.

משה קאָהן

א פֿאַרשטעלטער שפּיאָן

1

פרענק פּיליפּס האָט זיך אויפֿגעשטעלט, האָט פֿון זיך אָפּגעווישט דעם שטויב, און איז געבליבן שטיין, נאָכקוקנדיק דער באַן פֿון וועלכער מען האָט אים אַרויסגעשליידערט.

פּיליפּס, א יונגערמאַן פֿון א יאָר צוואַנציק, האָט זיך רואיק אַרומגעקוקט: ער איז געווען זיכער אַז אין דעם געגנט געפֿינט זיך איינע פֿון די גרויסע קופּער־פֿאַבריקן וואָס איז געשטאַנען אויף זיין ליסט; אַז דאָ וועט ער געפֿינען אַרבעטער וועלכע אַרבעטן פֿאַר כמעט גאָרנישט; און אַז דאָ וועט ער קאָנען אָרגאַניזירן א יוניאָן וואָס וועט מיט דער צייט באַפֿרייען די שקלאַפֿן פֿון דער קופּער אינדוסטריע ער האָט אויפֿגעהויבן זיין רענצל און האָט געוואָרפֿן זיין אויג איבער דעם ברייטן האָריזאָנט. ער האָט גענומען גיין.

2

אין אַנאַקאָנדאַ קופּער מיל נומער 5 איז געווען א גערויש. די אַרבעטער האָבן גערעדט צווישן זיך און אויף אַלע פּנים'ער האָט מען געקאָנט זען א שטאַרקע מורא. "מען האָט אים געפֿונען" האָט איינער געזאָגט, "אין וואַלד. מ'זאָגט אַז די פּאָליציי ווייסט שוין ווער עס האָט דאָס געטאָן".

"יאָ. איך ווייס", האָט א צווייטער געענטפֿערט. "אָבער מיר אַרט ניט. א שפּיאָן, פֿאַרדינט ער'לאַך זיין שטראָף".

3

אין עטלאַכע טעג אַרום איז פּיליפּס געוואָרן אַן אַרבעטער און האָט גלייך גענומען אַגיטירן צווישן די קוילן שאַרער, אָבער ער איז געווען איבערראַשט וואָס אַלע אַרבעטער זיינען ניט נאָר געווען גלייכ־

נליטיק צו אים, נאָר האָבן געקוקט אויף אים מיט פאַרדאַכט. ער האָט ניט געדענקט ווען אַזאַ זאַך זאָל אַמאָל פּאַסירן.

אין מאָנאַט יוני, מיט צוויי מאָנאַטן שפּעטער, האָט ער נאָך גאָרניט געהאַט אויפגעטאָן, און זיינע מיטאַרבעטער זיינען געווען נאָך מער פּיינטליך. ער איז געזעסן ביי זיך אין צימער און האָט אַזוי געטראַכט. פּלוצלונג איז ער געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט, ער איז אַרויס פון צימער און איז געגאַנגען צום וואַלד וואָס איז געשטאַנען הינטערן שטעטעל. אין וואַלד האָט ער זיך אַנידערגעוואָרפן אויפן גראָז.

מיט אַמאָל דערהערט ער ווי איינער שרייט: "מיר מוזן פון אים אויך פּטור ווערן". "געוויס".

פיליפּס האָט זיך צו'גע'גנב'ט. דערזעענדיק אַז די פאַרזאַמלטע זיינען אַרבעטער פון זיין שאַפּ, איז ער אַרויס אין דעם אָפענעם פלאַץ. "אָט איז ער דאָ, דער שפּיאָן" האָט געזאָגט "בוטש" מענן, אַ קוילן־שאַרער.

אין עטלאַכע מינוט אַרום איז פיליפּס געשטאַנען מיט אַ גוואַרדיע פון זעקס ריזן, און די אַרבעטער האָבן זיך באַראַטן וועגן זיין שטראָף.

פיליפּס האָט געוואוסט אַז עס האַלט שמאָל, ווייל זיינע מאַנדאַטן זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען. צום סוף האָט אַן אַרבעטער פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל זיך אָפּרעכענען מיט'ן "שפּיאָן."

מענן האָט אַ שמייכל געטאָן. ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך זיין רעקל און האָט גענומען פאַרקאַטשען די אַרבל. אַ ווינטל איז אויפגעשפּרונגען. ס'האָט געכאַפּט עטלאַכע פּאַפּירן פון "בוטש'ס" קעשענע און גענומען קייקלען זיי איבערן גראָז.

פיליפּ'ס האָט ניט פאַרשווענדט קיין צייט, ווען ער האָט באַמערקט אַז די פּאַפּירלאַך זיינען געווען זיינע מאַנדאַטן, און אַ טשעק צו לעאָ מענן פאַר 5,000. אונטערגעשריבן "אָן אַ קאַונט אָוו קופּער אינק." ער האָט גלייך געגעבן די אַרבעטער צו פאַרשטיין דעם אמת.

אויף מאָרגן זיינען די אַרבעטער פון מיל נומער פינף אַרויס אין סטרייק, און "בוטש" מענן, האָט זיך אויפגעכאַפּט אויף אַ באַן אַכט הונדערט מייל פון זיין דזשאַב.

מרדכי מייערס

וואָס איך האָב געכאָלעמט וועגן מלחמה

ווען די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אַריין אינ'ם וועלט קריג בין איך נאָר אַלט געווען זיבעצן יאָר. אָבער איך האָב אָנגעגעבן אַז איך בין אַכצן, און זיי האָבן מיך צוגענומען. אין דריי חדשים אַרום האָבן זיי מיך געמאַכט פאַר אַ סאָלדאַט. אין נאָך צוויי וואָכן אַרום בין איך געווען אין פראַנקרייך. באַלד האָבן זיי אונז געשיקט אויפן פראָנט אָפּצושטעלן אַן אַטאַקע/פון די אָנקומענדיקע דייטשן.

די ערשטע נאַכט אין די טרענטשעס האָבן די דייטשן אונז מכבד געווען מיט באָמבעס, שראַפּנעלן, גראַנאַטן, און אַלערליי קוילן. און ערשט איצט האָבן מיר אויסגעפונען וואָס אמת'ע מורא מיינט. שרעק, מיר האָבן געפּרואווט אנטלויפן, אָבער אונזערע פיס זיינען געווען פּאַראַליזירט. באַלד אָבער בין איך אין א מינוט אריינגעשפּרונגען אין א גרויסן לאָך אויסגעגראָבן פון א גרויסער קויל. אין דעם לאָך האָב איך געטראָפן דעם הויפּט אָפיציר, זייט ביי זייט זענען מיר אזוי גע־לעגן אריינגענאָרעט אין דער קאַלטער נאַסער בלאָטע. זיינע ציין האָבן געציטערט, און מיינע זיינען אויך ניט געווען שטיל. און אזוי זיינען מיר אָפּגעלעגן די גאַנצע נאַכט.

אין עטלאַכע טעג ארום האָבן מיר געדאַרפט מאַכן אן אטאַקע אויפן פיינט. פינף אַזיינער אין דער פרי זיינען מיר ארויס פון אונ־זער טרענטש און געגאַנגען מאַכן די אטאַקע. ווען מיר זענען אָנגעקומען צום טרענטש פונם פיינט האָט זיך די שלאַכט אָנגעפאַנגען. האַרגע, אָדער ווער געהאַרגעט! שטעך! שנייד! האַק! שיס! און קלאַפּ. מיר ווערן אזוי פאַרטיפט אין דער ארבעט אז מיר פאַרגעסן אז מיר זיינען מענטשן און האַרגענען, האַרגענען און האַרגענען. נאָך דער שלאַכט זעען מיר אונזער גרויסן געווינס: הונדערטער, טויזנטער און נאָך מער טויטע און פאַרוואונדעטע. איך האָב דערזען אז האַלב פון מיינע קליי־דער זיינען אראָפּגעריסן געוואָרן, בין איך געווען שטאַרק פאַרוואונדעט אָבער, אין היץ פון שלאַכט האָב איך עס ניט געפילט. שפּעטער אין דער נאַכט ווען מיר האָבן זיך אויסגעטאָן האָב איך געדאַרפט ארויס־לויפן פון טרענטש ווייל דער ריח פון דעם שווייס פון אומריינע קער־פּערס האָט מיר קראַנק געמאַכט.

שפּעטער בין איך אריבער געגאַנגען צו די כעמישע אינזשענירן, אונזער ארבעט איז געווען צו מאַכן דאָס וואַסער ריין און סאַניטאַריש צום טרינקען. דאָס וואַסער וואָס א סך פון די סאָלדאַטן האָבן געטרונקען איז געווען שמוציק און פאַר אייניקע מיילן פאַרסאַמט. אָבער אז מען איז שטאַרק דאַרשטיק האָבן מיר געטרונקען און זיך געקוויקט מיט דעם ווארעמען שמוציקן וואַסער וואָס מיר האָבן געפונען אין די גריבער אין דער ערד. ערשט דאַן האָבן מיר אויסגעפונען וועגן קלאָרין גאַז. אָבער וויפיל גאַז אריינצוואַווארפן אין טייך וואַסער האָבן מיר ניט געוואוסט, אין די ערשטע טעג פלעגן מיר אריינוואַרפן אזוי פיל גאַז אז די גאַז איז געווען ערגער פון דעם שמוץ.

די סאָלדאַטן האָבן געהאַסט צוויי זאַכן מער פון אַלץ, דאָס איז געווען, דער נאַסער שמוץ וואָס איז געווען ארום און ארום, און דער געדאַנק פון די אַלטע טויטע קערפּערס. זייער אָפט פלעגט מען זען די סאָלדאַטן עסן זייערע מאָלצייטן, זיצנדיק אף א טויטן אָנגעבלאָזענעם פערד. ווען דער פערד ווערט צעפּלאַצט האָבן זיי ניט געוואוסט, אָבער אבי זיצן אויף עפּעס טרוקנס.

אָט דאָס זענען געווען מיינע פאַרגעניגנס פון מלחמה, און איך האָב זיך דערפילט א גליקלאַכער ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און אויסגעפונען אז ס'איז בלויז א חלום.

שרה עוואַנס

שטימונגען און געדאַנקען

די זון איז אונטערגעגאַנגען. די גאָלדענע שטראַלן האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף הייזער, פֿעלדער, וועלדער, מאַכנדיק וואונדערבאַרע האַרמאָניע פֿון קאָלירן. אַזוי שטרענג, שיין און פּראַכטפֿול זיינען געוועזן די שטראַלן. איך האָב זיך געלאָזט גיין נעענטער, נעענטער און נעענטער, אַזוי, אַז איך האָב אין זיך געפֿילט אַז אַלע מיינע צוקונפֿטיקע יאָרן זיינען פֿאַרזאַמעלט אין דער מאַגנעטישער שטראַלן קראַפֿט.

און מיין געוויסן איז געווען אומרואיג, און צעטומלט. דאָס איז ניט געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אַזוינס דערפֿילט. וויפֿיל מאָל האָב איך אין זיך געפֿילט אַזאַ מאָדנעקייט, אַזאַ אומצופֿרידנקייט. איך בין ניט אַהין און ניט אַהער. פֿראַגן פֿון אַלץ קומען זיך צענויף אין מיין מח, אָבער קיין ענטפֿערס צו זיי איז ניטאָ. דערציילן פֿון מיינע אומרואיקייטן קען איך ניט. און אויב איך וואָלט אַזוי געטאָן וואָלט עס מיר ניט געהאָלפֿן. דער איינציגער וואָס קען מיר העלפֿן איז "איך".

אַפּטמאָל בין איך מאָנאָטאָן. אַפּטמאָל צו פֿריילאַך. צו לאַכעדיק, און דאַן פֿיל איך שלעכט פֿאַר דער גאַנצער זאַך אָדער פּאַסירונג. איך קען זיך אַליין ניט פֿאַרשטיין. און אָט דער פֿאַקט איז דאָס וויכטיגסטע פֿון אַלץ.

אויב מענטשן, וואָלטן ניט אַזוי פֿיל קריטיקירט אַנדערע נאָר געווען מער אויפֿמערקזאַם אויף זיך אַליין און פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס זיי זיינען אַזוי מאָדנע אין זייערע געדאַנקען און פֿאַרשטענדעניש, וואָלטן אַזעלכע אומבאַגרייפֿליכע פּראָבלעמען ניט פֿאָרגעקומען.

זיי מוזן אין דעם זיך אַריינטראַכטן זייער טיף, קוקן אין ביכער, פֿרעגן, זוכן, כדי עס זאָל זיך אויסאַרבעטן.

איצט האָב איך אין זיך דערפֿילט די וויכטיקייט פֿון דיינקען, אָבער דיינקען און טראַכטן, טאַקע מיט קאָפּ.

איצט, איז די צייט צו ווערן מענטשלאַך, גייסטיק און קולטורעל. שפּעטער וועט זיין צו שפּעט. וועל איך זיך איצט אומקערן אויפֿן גלייכן וועג און מער ניט פֿאַרבלאָנדזשעט ווערן.

איך האָב זיך געלאָזט גיין צוריק, קוקנדיק אויף דער פֿאַרגאַנגענער זון מיט אַ שמייכעל אויף מיינע ליפּן. זי האָט מיר געלויכטן דעם וועג און מיט שטאָלצע טריט האָב איך זיך געלאָזט גיין אויף דער גלייכער ערד.

חיים ראָזענפעלד

מיין דערפאַרונג אַלס רעפּאָרטער

מיין באַלעבאָס, דער טשיף עדיטאָר, האָט מיר געגעבן אַן ערא־פּלאַן בילעט צו סטרייקוויל, פּענסילווייניע, אַ קליין מינען שטעטל. מען האָט עס געגעבן דעם מאָדנעם נאָמען ווייל אַלע דינסטיק און דאָנערשטיק האָבן דאָרטן די אַרבעטער געמאַכט אַ סטרייק.

די באַלעבאָטים האָבן געמאַכט אַ בייסבאָל פּאַרק פאַר די אַר־בעטער צו אַמוזירן זיך נאָר זיי האָבן געמאַכט די אַרבעטער צו אַר־בעטן 16 ביז 18 שעה אַ טאָג, זיבן טעג אַ וואָך.

איך בין דאָרט געקומען פיר אַזייגער אין דער פרי; אויסגעזוכט אַ „באָרדינג הויז" וואו איך האָב געקראָגן אַ צימער פאַר אַ דאָלער אַ וואָך. מען קען זיך פאָרשטעלן ווי אַזוי דער צימער האָט אויסגע־קוקט, אַ צעבראָכן בעט, אַ קליידער שראַנק מיט צוויי פיס, די אונ־טערשטע פענסטער פאַרקלאַפּט מיט האָלץ און אַן אויל לעמפּל.

איך בין געגאַנגען זוכן אַרבעט און נאָך צוויי טעג פון אַרומ־דרייען זיך פון איין מינע צו דער צווייטער האָב איך געקראָגן אַרבעט. מען האָט מיר באַצאָלט פופצן דאָלער אַ וואָך, נאָר איך האָב געמוזט קויפן אין דער קאָמפּאַני קראָם וואו מען האָט גענומען פאַר יעדער זאַך צוויי מאָל אַזוי פיל. איך האָב געמוזט זיין דאָרט פיר אַזייגער אין דער פרי.

קומענדיק אין צייט האָבן זיי מיר אַרונטער געשיקט 141 פוס אונטער דער ערד. איך האָב געדאַרפט העלפן דרילן וואו מען האָט אַריינגעשטאָפּט דינאַמיט צו צוברעכן די קוילן. איך האָב אַזוי גע־אַרבעט ביז צוועלף אַזייגער ווען דער מיטאָג גלאָק האָט געקלונגען. אין מיטן עסן האָט איינער, אַ מאַן מיט אַ שוואַרצער באָרד גענומען רעדן צו די אַרבעטער, אַז זיי זאָלן גיין אויף אַ סטרייק און ניט אַרבעטן אַזוי לאַנג און דאַרפן קויפן אין די קאָמפּאַני קראָמען.

ער האָט איבערצייגט די אַרבעטער אַז זיי קענען ניט פאַרלירן און אויפן טאָג נאָך „פּעי דעי" זיינען מיר אַרויס אויף אַ סטרייק.

ווען די פּיקעט ליינס זיינען געקומען צו פּיקעטן האָבן זיי געזען אַז אַרבעטער אַרבעטן שוין. מיר האָבן שוין געוואוסט אַז דער מאַן מיר דער באָרד איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

אַ סך קינדער האָבן געהלשט פון הונגער און די „מיינער" האָבן געבעטן ביי די באַלעבאָטים אַז זיי זאָלן זיי צוריק נעמען.

אַזוי האָט מען פאַרלאָרן נאָך אַ סטרייק!

איינמאָל איז צו אונז געקומען אַ מאַן פון דער „אַמעריקאַן פּע־דעריישאַן אָף לייבאָר" און האָט געוואָלט גרינדן אַ יוניאָן נאָר די אַרבעטער, דענקענדיק אַז ער איז אויך אַן אַפּנאַרער האָבן אים געוואָלט דערהאַרגענען.

איך האָב געזען זיין בילד אין דער ארבעטער צייטונג פון אַמעריקע וואו איך האָב געארבעט און אים געהאָלפן. איך האָב געצייגט די בילד צו די ארבעטער און נאָך אַ סך רעדן האָבן מיר זיי איבערצייגט אַז עס איז פאַר זייער אייגענער טובה.

ארום דער צייט האָב איך געדאַרפט פאָרן צוריק אין דער גרויסער שטאָט צו שרייבן מיין אַרטיקל וועגן די קוילן מינען. דאָס איז ארויס אזוי גוט אז איך האָב געקראָגן א שטעלע אלס א "ראמינג רעפּאָרטער", דאָס הייסט אַז איך קען גיין און טאָן וואָס איך וויל. איך בין צוריקגעפאָרן צו סטרייקוויל ווייל איך האָב געוואוסט אַז עפּעס וועט געשען דאָרט.

קומענדיק צוריק האָב איך געקראָגן מיין אַלטע שטעלע אלס א מינען ארבעטער אלע האָבן שוין באלאנגט צו דער יוניאָן און דער אָרגאניזער, איז געווען דער פירער. מען האָט גערעדט פון סטרייקס נאָך די יוניאן האָט זיך ניט געאיילט.

איר וועט זיך וואונדערן ווען האָבן זיי געהאט צייט צו רעדן צווישן זיך. דער ענטפער איז ביים עסן.

איינמאָל, צוועלף אזייגער זיינען אַלע ארבעטער ארויסגעגאַנגען אין סטרייק. מען האָט מורא געהאט אַז עס וועט זיין דער זעלבער סוף, ווי די אַנדערע סטרייקס נאָר איצט האָבן די באַלעבאַטים ניט געקאָנט געפינען קיין סקעבס ווייל אַלע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער יוניאָן. ס'איז געווען אַ קאַלטער ווינטער און די פּרייז פון קוילן איז געווען הויך. די באַלעבאַטים האָבן געמוזט איינשטימען צו די ארבעטער. די טערמינען פון דעם אָפּמאָך זיינען געווען זעקס טעג אַ וואָך ארבעטן און נאָר אַכט שעה אַ טאָג. די ארבעטער קענען קויפן וואו זיי ווילן און די שכירות דאַרפן זיין דרייסיק דאָלער אַ וואָך.

נאָך דעם סטרייק האָבן אַלע אינדוסטריעז זיך אָרגאַניזירט אין יוניאַנס און די אַמעריקאַן פעדערײשאַן אָף לייבאָר איז געוואָרן די פירערן פון דער גרעסטער ארבעטער באוועגונג אין דער וועלט.

די מינען ארבעטער האָבן אויסגעפונען ווער איך בין און די ארבעטער צייטונג פון אַמעריקע איז געוואָרן גענוצט פיל אין סטרייקוויל.

מען האָט דעם שטעטל געגעבן אַ אַנדער נאָמען ווייל די ארבעטער זיינען געווען צופרידן און זיינען ניט געגאַנגען אויף סטרייקס, נאָר איך דענק אַז זיי וועלן גיין אויף נאָך אַ סטרייק צו פאָדערן "זעקס שטונדן" ארבעטס טאָג, פינף טעג א וואָך און אז זיי זאָלן באַצאָלט ווערן פופציק דאָלער אַ וואָך.

יואל וויליאמס

די הפקר וועלט

ווען די לעצטע וועלט מלחמה האָט זיך געענדיקט, און עס איז געגרינדעט געוואָרן די פעלקער ליג, האָבן מענשן געדענקט אז מער וועלן זיי שוין קיינמאָל ניט האָבן קיין מלחמות אויף דער וועלט. און

די כּאָרעווע בלוטנדיקע וועלט וועט עס לאַנג געדיינקען, ווי פיל זי האָט געליטן פון דער וועלט מלחמה.

און אָט שלאָגט מען זיך ווידער, איטאַליע מיט עטיאָפּיע, און אַנדערע אויף זיי קוקנדיק כאַפּט שוין אויך אַן חשק. מען מאַכט אַ רעכענונג אַז מען מוז און מען דאַרף, צוליב אַזאַ זאַך, אָדער אַנאַנדער זאַך האָבן מלחמות.

און ווען מען לייענט געשיכטע, ווי באַרבאַריש פעלקער האָבן אַמאָל געפירט קריג, איינע מיט די אַנדערע דענקען מיר אַז דאַן זיינען זיי ניט געווען ציוויליזירט גענוג, אָבער וואָס איז היינט? אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, דאָס זעלבע.

צו נעמען זין פון זייערע טאַטעס און מאַמעס וואָס זיינען ביי זיי טייערער ווי די אויגן אין קאָפּ, צו נעמען טאַטעס פון קליינע קינדערלאַך, איבערלאָזן יונגע אַלמנות און איין מענש זאָל אַ צווייטן גיין האר׳גענען. ווען זיי האָבן גאָר נישט איינער געגן אַנדערן, און די זעלבע וואָלטן געווען די בעסטע פריינט ווען, זיי קומען זיך צוזאַמען. און אין זייערע בעסטע יונגע יאָרן, פול מיט אינטערעס, מיט לעבן צו בויען און שאַפן, שיקט מען זיי אַוועק חרוב מאַכן, פאַרניכטן, צעשטערן אויסגעבן מיליאָנען אויף מלחמות, אין דער צייט ווען די געלט האָט געקענט פאַרנוצט ווערן אויף צו מאַכן שענער און בעסער די וועלט.

עס פרעגט זיך דערפאַר ביי יעדן דענקענדן און ערנסטן מענשן, די פראַגע, ווי לאַנג? ווי לאַנג וועלן די מאַסן זיך נאָך לאָזן פאַרפירן פון די ביליקע ליגנס פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע וועלכע פּראַוויצרט און גרייט צו די מוחות פון די מאַסן פאַר האַס און פאַר קנאה און פאַר אַלץ וואָס איז חיה׳ש און נידעריק אין מענשן.

אברהם מילער

די היסטאָריע פון ערשטן מאַי

דער ערשטער מאַי איז דער פּראָדוקט פון דעם קאַמף פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער פאַר פרייהייט. די היסטאָריע פון ערשטן מאַי איז די געשיכטע פונ׳ם קאַמף און וואוקס פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער קלאַס.

דער ערשטער מאַי איז געפייערט געוואָרן אין אַמעריקע אַלס דער אַרבעטער יום טוב, פאַר אַ זייער וויכטיקער אורזאַך: — דער אַכט שטונדיקער אַרבעטס טאָג.

דער קאַמף פאַר אַ קלענערן אַרבעטס-טאָג האָט זיך אָנגעפאַנגען אַרום 1820, מיט דעם אויפבוי פון די טרייד יוניאָנס. דער קאַמף האָט זיך אָנגעפאַנגען מיטן אויפשטאַנד קעגן דעם זעכצן שטונדיקן אַר־

בעטס־טאָג, און שפּעטער קעגן דעם פּערצן, צוועלף, און צען שטונדיקן ארבעטס טאָג. נאָכן בירגער־קריג, אונטער דער פירערשאַפט פון דער נאַציאָנאַלער ארבעטער יוניאָן, האָבן די אמעריקאַנער ארבעטער אָנ־געפאַנגען זייער קאַמף פאַר אן אכט שטונדיקן ארבעטס טאָג. דער ערשטער מאי, 1886 איז באַשטימט געוואָרן אלס א נאַציאָנאַלער סטרייק טאָג פון דער פעדעראַציע פון אָרגאַניזירטע קרעפטן און אר־בעטער יוניאָנס, ארבעטסלאָזע פון דער צייט, זיינען געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט די ארבעטער, מאַכנדיק דעם ערשטן מאי אלס א טאָ־פּעלטן ארבעטער יום־טוב, פאַר די ארבעטער, און פאַר די ארבעטס־לאָזע.

די מיטגלידער פון דער פעדעראַציע פון אָרגאַניזירטע קרעפטן און ארבעטער יוניאָנס, און די ריטער פון ארבעט, וועמענס הערשער האָבן סאַבאָטאַזשירט דעם סטרייק, איבער א האַלבן מיליאָן ארבעטער, האָבן געוואָרפן די ארבעט, און העלפט פון זיי האָבן געוואונען אן אכט־שטונדיקן ארבעטס־טאָג.

די גרעסטע דעמאָנסטראַציע פון ארבעטער, איז פאָרגעקומען אין שיקאַגאָ. די אכט־שטונדיקע אַסאָסיאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון יוניאָנס פון די ריטער פון ארבעט, און די סאָציאַליסטישע ארבעטער פּאַרטיי, האָט אָנגעפירט דעם סטרייק אין שיקאַגע. די דעמאָנסטראַציע האָט אזוי אויפגערייצט די באַלעבאַטים אז זיי האָבן געענטפערט מיט א רייע פאַרפאָלגונגען אויף די ארבעטער, וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען דעם דריטן מאי, מיט א ברוטאַלער אטאַקע אויף א גרופּע סטרייקערס. דאָס האָט אזוי צעהיצט די מענטשן, אז אויפן פערטן מאי, האָבן טויזנטער מענשן זיך צוזאַמענגעקומען אין היימאַרקעט סקווער. די פּאָליציי איז אָנגעקומען, און ווידער זיך גענומען צו שלאָגן די אר־בעטער. א באָמבע האָט עקספּלאָדירט ,און די פּאָליציי, האָבן ארויפגע־וואָרפן די שולד אויף עטלאַכע ארבעטער. פיר פון זיי, פּאַרסאָנס, ספּייז, פישער און ענגעלס זיינען אויפגעהאַנגען געוואָרן.

די אמעריקאַנער פעדעראַציע פון ארבעט, אין זייער קאָנווענשאָן אין סט. לואיס, אין דעם יאָר 1887, האָט ווידער אמאָל באַשלאָסן אויף דעם ערשטן מאי, 1890, אלס א סטרייק טאָג פאַר אן אכט שטונ־דיקן ארבעטס טאָג. דער קאָנגרעס פון דעם צווייטן (סאָציאַליסטישן) אינטערנאַציאָנאַל, אין פּאַריז, האָט אין 1889, באַשטימט אז דעם ערשטן מאי אין 1890, זאָלן אלע ארבעטער פון דער גאַנצער וועלט ארויסמאַרשירן אלס א פאַרלאַנג פאַרן אכט שטונדיקן ארבעטס טאָג.

דער ערשטער מאי איז נאָך אלץ דער סימבאָל פון די פאַראייניקטע כוחות פון די ארבעטער מאַסן. זאָלן אלע ארבעטער גיין היי־יאָר און יעדן יאָר, האַנט אין האַנט אויף דער ערשטער מאי דעמאָנסטראַציע. זאָל פאַראייניקונג צווישן אלע ארבעטער פירן צו א בעסערן, מער יושר׳דיקן לעבן, פאַר אלע פעלקער.

ראָדא דיימאָנד

און ער האָט דערציילט ווייטער

ער איז שוין געווען אן אלטער מאַן — דער עלטסטער אין דעם קליינעם שטעטל אין וועלכען ער האָט געוואוינט, און ער האָט שטענדיק גערעדט. ער האָט ניט נאָר געקענט פערזענליך יעדן מענש וואָס האָט געוואוינט אין דעם קליינעם שטעטל, נאָר אויך יעדנס גאנצע לעבנס געשיכטע, מענשן האָבן געזאָגט אז ער האָט געקענט רעדן מער — און דערציילן מער מעשות ווי אלע פרויען אין שטאָט צוזאמען, און דאָס איז טאָקע געווען אמת. אויב א גאסט איז געקומען אין שטעטל האָט ער באלד זיך צוגעטשעפעט צו דעם גאסט און האָט אָנגעפאנגען אזוי:

"פון וואנען קומט איר? פון א גרויסער שטאָט? א שטייגער ווי גרויס? נו מיילע — "העם" — "יאָסעל פעפער, וועלכער וואוינט אין אָט דער הויז אָט־אַ־דאָרט — זעט איר? די דריטע הויז פון לינקן זייט מארק".

"יאָסל פעפער איז טאקע געקומען פון א גרויסער שטאָט — צוויי און א האלב מיליאָן מענשן וואוינען אין אָט דער שטאָט, יאָ, יאָ, צוויי און א האלב מיליאָן מענשן. און דאָרט איז פאראן די גרעסטע פאבריק וואָס איר קענט זיך פאָרשטעלן — זי האָט א — העם — א —זי האָט זיבן און דרייסיק שטאָק און זי איז געווען כמעט צוויי מאָל אזוי גרויס ווי דער מארק, און יאָסל האָט אָנגעפירט א סטרייק אין אָט דער פאבריק — אי איז דאָס געווען א סטרייק, טאקע א סטרייק איז עס געווען. דעם ערשטן טאָג פון סטרייק זיינען כמעט האלב פון די ארבעטער ארויסגעגאנגען אין סטרייק. מיט יאָסלען, און דעם צווייטן טאָג איז ניט געווען קיין איין און איינציקער סקעב — קיין איין און איינציקער איז ניט געווען. און יאָסל איז געווען א העלד דאן — ער איז דערצו נאָך אַ יונגערמאן געווען און אין אַלע ארבעטער צייטונגען איז געשטאַנען געשריבן אין גרויסע אותיות — "יאָסל פעפער דער דריי און צוואַנציק יעריקער העלד". "העם — העם"...

"אין איינע פון די צייטונגען איז געשריבן געוואָרן פינף זייטן און א דריטל וועגן יאָסלען — און אָט די צייטונג, וועלכע האָט אזוי פיל געהאט געשריבן וועגן יאָסלען איז געווען די גרעסטע ארבעטער צייטונג אין דער שטאָט — יאָ, יאָ, די גרעסטע — אָט דער נאָמען איז געווען א, העם, א, דער נאָמען פון דער צייטונג איז געווען אֵי ווי האָב איך דאָס געקענט פארגעסען — א "ארבעטער צייטונג"! איז געווען דער נאָמען און יאָסעל'ס ווייב האַלט נאָך די צייטונג באהאלטן, אפילו יאָסל וויים ניט וואו זי האָט עס באהאלטען — הע־הע, איר פאָטער איז געווען דער רעדאקטאָר פון אָט דער צייטונג — אי איז זי געווען א וואוילע מיידעל יאָסעל'ס ווייב, העם". — — —

דאָס איז ערשט דער אָנפאנג און ווען איר שטעלט אים ניט אָפּ גייט ער אָן מיט יאָסל'ס ווייב'ס געשיכטע — און דאן מיט איר פריינט און דעם פריינט'ס שוועסטער און דער שוועסטערס קאָזינס פריינט און אזוי ווייטער ביז ער האָט אייך ניט נאָר דערציילט אלע־

מענס לעבענס געשיכטע אין שטאָט נאָר אויך זיין אייגענע און דערצו נאָך די געשיכטע פון דער שטאָט אליין. די שטאָט געשיכטע באַשטייט פון — וויפיל מען האָט באַצאָלט פאַר זאַכן מיט א פּאָר יאָר צוריק — אין מארק — און וויפיל הייזער עס זיינען געוועזן דאָן — און פיל מער ווי דאָס אָבער קיינער ווייסט ניט וואָס נאָך, ווייל קיינער האָט אים נאָך ניט אויסגעהערט ביז'ן סוף.

אנעט ליפשולטץ

רב יהודה הלוי

אין עלפטן יאָר־הונדערט, ווען די אידן האָבן שוין אביסל פאַר־געסן אין זייערע צרות, א דאַנק דעם וואָס די מאַכמאַדאַנער האָבן זיי באַהאַנדלט מיט מער דרך ארץ און מענטשליכקייט, האָבן זיי זיך גע־קאָנט אָפּגעבן אביסל מער מיט קולטורעלער ארבעט. עס איז דאַן אנטשטאַנען א פּעריאָד וואָס איז איצט פאַררעכנט אלס א וויכטיקער טייל אין דער אידישער געשיכטע. עס איז באוואוסט אלס "די גאָלדענע עפּאָכע". אין דער פּעריאָדע האָבן זיך באַוויזן די דריי גרעסטע דיכטער פון יענער צייט. זיי זיינען אויך איצט פאַררעכנט אלס די גרעסטע אי־דישע פּאָעטן פון דער אידישער מיטלאַלטערלאַכער ליטעראַטור. אָט די דריי זיינען געוועזן: ר' אברהם אבן עזרא, ר' שלמה אבן גבירול און ר' יהודה הלוי.

יהודה הלוי איז אָבער, פאַרבליבן דער מער באַליבטער ביים פאָלק, עס איז דערפאַר אינטערעסאַנט צו זען ווער איז געוועזן דער מאַן, ווען וואָס האָט ער געשריבן און פאַרוואָס איז ער אזוי באַליבט ביים פאָלק.

ער איז געבוירן געוואָרן אומגעפעהר 1085 אין טאָלעדאָ, שפּאַניע. זיין פאָטער איז געוועזן גאַנץ פארמעגלאַך און ער האָט ניט, אלס קינד, געדאַרפט זאָרגן וועגן זיין חיונה. אין זיין יוגנט האָט ער שטודירט אין זייער א באַרימטער ישיבה אין ליצענאַ. ווען ער איז געוואָרן עלטער, האָט ער פאַר זיין פּראָפעסיע זיך אויסגעקליבן מעדיצין. אָבער, ווי מיר פאַרשטיין איז פון דעם גאָרניט געוואָרן.

יהודה' הלוי'ס פּאָעטישער טאַלאַנט האָט זיך באַוויזן אין זיינע גאָר יונגע יאָרן, און וואָס עלטער ער איז געוואָרן אלץ מער האָט ער פאַרשטאַנען דאָס אידישע לעבן און ליידן, און זיינע געדאַנקען האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין געדאַנקען פון פרייהייט פאַר די אידן, צו גיין צוריק אהיים, די אידישע היים — ציון. עס האָט זיך אזוי איינגעקריצט אין זיין באַוואוסטזיין אז ווען איר לייענט איצט זיינע לידער קענען מיר זען אז זיינע ליידן פאַרן פאָלק, און די אידישע היים איז איינגע־זאַפּט געוואָרן אין זיינע לידער.

און אין זיינע עלטערע יאָרן, האָט ער (כאָטש זיינע פריינט זיינען געוועזן געגן דעם) אויסגעפירט זיין לעבנס־וואונש — ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל.

אויפן וועג האָט ער זיך געפילט אזוי גליקלאַך און באַרוישט, אז אלע זיינע געדאַנקען האָבן זיך אויסגעגאָסן אין זיין ליידנשאַפטלאַכער

ביינקשאַפט און אַלעס איז פאַר אים לעבעדיק געוואָרן, דער ים, דער הימל, און אין זיין פּאַטעטישער שפּראַך איז ציון געוואָרן א מוטער וועלכע ער האָט געפרעגט אזוי ווי א קינד: צי זי בייַנקט נאָך אירע קינדער, וועלכע זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, אזוי ווי זיי בענקען נאָך איר, און אויב זי וויל אויך אזוי ווי זיי, א גרוס הערן. דערנאָך שטעלט ער זיך פאַר מיט גרויס צופרידענקייט אלס דאָס קינד וואָס ברייַנגט דעם גרוס.

ביינקסטו אויך, נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע ביינקען?
ווילסטו אויך, ווי זיי פון דיר, א ליבן גרוס באַקומען.
דאָ האָסטו אים! א גרוס פון נאָענטע און ווייטע.

פון דעם קליינעם פערז, קען מען זען זיינע שטאַרקע נאַציאָנאַלע געפילן. זיינע לידן פאַרן אידישן פאָלק און אויך זיינע לידן צו זען שוין די ברעגן פון זיין אידישער היים (ארץ ישראל), זיינע שטאַרקע ציוניסטישע און נאַציאָנאַליסטישע געדאַנקען האָבן אים דערפאַר געשטעלט אויף א הויכן פּעדעסטאַל אלס דער גרעסטער אידישער דיכטער פון דער קלאַסישער פּעריאָדע.

ווען מיר לייענען היינט זיינע ווערק, אין דער אידישער איבערזעצונג פון חיים נחמן ביאליק, י. י. שווארץ און אברהם רייזען, זען מיר וואָס פאַר א גרויסער דיכטער יהודה הלוי איז געווען.

אליהו וויינשטיין

וואָס מיר קריגן פון וויסנשאַפט

איידער איך גיי צו צו מיין טעמע לאָמיר נעמען אין געדאַנק, אַז וויסנשאַפט מיינט ניט נאָר מעדיצין אָדער כעמיע, ווייל ווען מיר ווילן נאָר וואָלטן מיר געקאָנט אָנרופן אפשר דרייסיק צי פערציק אָדער אפילו מער צווייגן פון וויסנשאַפט. אָבער מיר וועלן נעמען אַן אַלגעמיינעם בליק פון וויסנשאַפט.

לאָמיר צוריקגיין א פאַר טויזנט יאָר און געבן א קורצן איבערבליק וועגן דעם וויסן פון די מענשן. וואָס האָבן זיי געוואוסט וועגן מעדיצין? וועגן פּסיכאָלאָגיע? וועגן כעמיע? ביאָלאָגיע? פילאָסאָפיע? כמעט גאָרניט. פאַר דעם פופצנטן יאָר הונדערט איז דער פּראָגרעס פון וויסנשאַפטלאָכע אינסטרומענטן אין שטודיום געווען זייער הינטערשטעליק. דאַן איז דער טעלעסקאָפּ דערפונדן געוואָרן. באַלד האָט דער פּראָגרעס אָנגעפאַנגען צו גיין שנעלער און שנעלער, די אורזאַך פאַר קראַנקהייטן און פּלאָגן זיינען אַנטדעקט געוואָרן. די הימלען האָבן זיך אויפגעעפנט מיט פּלאַנעטן, קאָמעטן, שטערן, לופט־דערשיינונגען, און גרויסע נעבלען, די ערד האָט באַוויזן א וואונדערבאַרע היסטאָריע פון שטיינער, און שפּייענדיקע־בערג און ווי אזוי זיי זענען פאָרמירט געוואָרן.

די וויסנשאַפטסלייט האָבן אַנטדעקט ווי די ערד האָט זיך פאַר־

מירט, ווי די אקעאנען און ערד האבן זיך פארמירט און פון וואס זיי זיינען געמאכט און נאך אזעלכע זאכן. דאן אין דעם ניינצטן יארהונדערט האט זיך איבער אייראפע פארשפרייט די שווארצע פעסט אדער די כאלעריע. דער וועלט בארימטער און גרויסער וויסנשאפטסמאן לואי פאסטור וועלכער האט אונטער גרויסע שוועריקייטן געארבעט און געפונען א היילמיטל פאר דעם. און שפעטער האט ער אויך געפונען היילמיטלען פאר די אנדערע קראנקהייטן.

און איך וואלט געקענט אנגיין און פארנעמען נאך א פאר זייטלאך דערציילן וועגן די דערפינדונגען פון וויסנשאפט, ווי עלעקטרישע ליכט, דער אטאמאביל, די ראדיא, און די גרויסע מאשינעס און פאבריקן. און איצט האב איך אפילו געלייענט אין די צייטונגען אז מען האט צוריקגעבראכט צו לעבן א מענשן וואס איז שוין געווען "טויט" פאר 45 מינוט.

און דערפאר דערזעען מיר ווי ווייט מיר זיינען געגאנגען אין וויסנשאפט, וויפיל מענשן וואלטן שוין געווען טויט ווען נישט די הילף פון זייערע אינסטרומענטן? און ווי שנעל מיר קאנען פארן קיין נויארק מיטן אייזנבאן? און ווען מיר ווילן דרייען מיר א קנעפל און מיר הערן מוזיק אדער א רעדע אדער וואס מיר ווילן. ווען מיר וואלטן זיך ווייטער אריינגעטראכט אין דער שטודיע וואלטן מיר געקענט זען נאך מער די ערפינדונגען פון וויסנשאפט אבער וויפיל איך האב דא באמערקט קענען מיר קריגן אן אלגעמיינעם איבערבליק איבער דער טעמע פון וויסנשאפט.

איין וויסנשאפט בלייבט נאך אבער ניט אנטדעקט: ווי אזוי צו באאיינפלוסן די מענשן אז זיי זאלן אויסנוצן די אלע זאכן נישט צו שעדיקן, נאר העלפן מענשן און לאזן זיי געניסן פון דעם וואס די וויסנשאפט שאפט פאר זיי!

בעני זייקן

מיין אנקומען אין ארבעטער רינג שול

ווען איך בין געווען אכט יאר אלט האט מיין פאטער מיר געשיקט אין דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער ארדן שול. ווען איך בין אריינגעגאנגען אין דער שול האט זיך מיר אויסגעדוכט אז איך בין אין אן אנדערער וועלט. ווען איך האב אנגעהויבן לערנען אידיש האב איך מיר געטראכט אז ס'איז אומעגלאך צו לערנען אן אנדער שפראך. איך האב געמיינט אז נאר ענגליש קען מען לערנען. אבער ווען איך האב אנגעהויבן פארשטיין די שפראך האט עס מיר שטארק פאראינטערעסירט.

דארט האט מען מיר געלערנט לייענען, שרייבן, א ביסל ליטעראטור, אידישע גראמאטיק, זינגען, דעקלאמירן און מיר האבן דיסקוסירט סאציאלע פראגן. מיר האבן געלערנט ווייניק ליטעראטור ווייל

מען לערנט א סך ליטעראַטור אין דער מיטל שול. מיר האָבן אויך צוזאַמענגעקליבן א וואַנטצייטונג. מיר האָבן זיך געלערנט מאָלן, קרעלן אַרבעט און האַלץ אַרבעט. איך האָב פון דאָרט גראַדואירט אין דער מיטל שול. אין דער מיטל שול האָב איך באַגעגנט א פיינע גרופע פון יונגע אינטעליגענטע קינדער. דאָרט האָבן זיי אונז געלערנט וועלט געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, גראַמאַטיק, און ליטעראַטור. מיר האָבן געלייענט א זאַך פון שלום עליכם'ס דערציילונגען, מעשיות, איך האָב דאָרט געלערנט א יאָר און איך האָב די שול פאַרלאָזן ווייל ס'איז געווען א גרויסע הוצאה.

פאַר א גאַנצן יאָר האָב איך ניט באַזוכט קיין אַנדער שול. דאַן האָט מיין פאָטער מיר געפרעגט אויב איך וויל גיין אין דער אַרבע־טער רינג שול. איך האָב אים געענטפערט אַז איך וועל עס פּרובירן.

איך בין דאָ אין דער אַרבעטער רינג שול א פּאָר מאָנאַטן און דער אינטערעס וואַקסט און וואַקסט. דאָ לערנען מיר ליטעראַטור, געשיכטע, און מיר דיסקוסירן אויך די סאָציאַלע פראַגן. לעצטנס האָבן מיר געשאַפן א זשורנאַל פון קאָמפּאָזיציעס פון די קינדער אין דער שול. דאָ אין דער שול זיינען א סך אינטעליגענטע קינדער. און זיי זיינען זייער פריינטלאַך. איך האָף אַז אין דער צוקונפט וועל איך אויך זיין פון די בעסטע געלערנטע גרופע קינדער אין דער אַרבעטער רינג שול, דאָס מיין איך אין דער מיטל־שול.

יהודית גאַראָף

אַ צייט וואָס מוז קומען

באַמבעס קראַכן! מענטשן פאַלן און הויבן זיך אויף. אָבער לעם, האָפענדיק, אַז מ'ווייסט ניט אַז ער פעלט אויס, כאַפּט זיך אַריין אין דעם ערשטן טרענטש און נאָכער צום צווייטן. אַזוי גייט ער פון טרענטש צו טרענטש.

לעם איז אַ יונגער בחור אַרום 25. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ מין קאָרעספּאָנדענט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע. ווען די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן האָט ער פּרובירט טאָן אַלץ וואָס ער האָט געקענט קיינער זאָל זיך ניט אַנשליסן פרייוויליג צו גיין אין שלאַכט. אָבער קיין סך גוטעס האָט עס אויך ניט געטאָן, ווייל וואוהין ער איז געקומען און האָט פּרובירט דערציילן די מענטשן וואָס פאַר א שלעכטס מלחמה ברענגט צו זיי, האָט מען זיך אויסגע־לאַכט פון אים און מ'האָט אים געזאָגט אַז ער זאָל צוריקגיין צו זיין מאַמעס פאַרטוך. ווען מען האָט דאָס אָוועקגעשריבן קיין אַמעריקע האָט מען אים צוריקגעשריבן אַז דער איינציגער וועג וואָס קען ברייג־גען רעזולטאַטן איז אַז ער אַליין זאָל גיין צום מלחמה פראָנט.

ווען ער האָט צום ערשטן דערהאַלטן דעם בריף איז ער געווען

זייער איבעראַשט אָבער אַ באַפעל איז אַ בעפעל. איז ער אַוועקגעגאַנגען און זיך פאַרשריבן צו גיין אין מלחמה.

באַלד טאַקע האָט מען אים אַוועקגעשיקט צום פראָנט. ווען ער איז דאָרט געקומען האָט ער ניט געקענט צוזעען די לײדן וואָס די סאָלדאַטען גייען דורך. ער האָט דערפאַר ווידער אַוועקגעשריבן אַ בריף צו זיין פּאַרטיי. און ער האָט זיי דעם מאָל געזאָגט אַז אויב זיי וועלן עפּעס ניט טאָן פאַר אים וועט ער עס אליין טאָן. ער וויל, אַז אַזוי ווי דער ערשער מאַי איז ניט ווייט זאָלן זיי אים ארויסשיקן פּאַמפלעטן וואָס וועלן אפשר העלפן די סאָלדאַטן פאַרשטיין די ריכטיגע אורזאַכע פאר מלחמה און אַז זיי זאָלן אלע ארויס אין אַן ערשטן מאַי פּאַראַד. אַזוי ווי מען וועט אפשר איבערקוקן זייערע בריף זאָלן זיי בעסער שרייבן אויף פּאַפּיר וואָס איז כעמיש געמאַכט, דאָס הייסט—אַז ווען ער וועט עס דערהאַלטן זאָל ער ארויפטאָן אַזאַ מין כעמישן שטאָף, אַז די ווערטער וועלן ארויפגעקומען.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט ער דערהאַלטן די אַלע פּאַמפלעטן. ער האָט געדאַרפט האָבן אַ פּלאַן ווי זיי ארויסצוגעבן. ער האָט פאַרטראַכט אַ פּלאַן.

ס׳איז געווען דאָרטן זייער אַ גרויסער ווינט, האָט ער באַשלאָסן אַז ער וועט די פּאַמפלעטן אוועקלייגן און זיי וועלן זיך צעבלאָזן. ער האָט אַזוי געטאָן אָבער אַ צוויי מינוט איז אַריבער איז דער קאַפּיטאַן צוגעקומען און דערזעענדיק די פּאַמפלעטן זיך זייער צושריען און מ׳האָט זיי אַוועקגענומען. אַזוי האָט געטראָפן אַ פּאָר מאָל. איצט האָט ער באַשלאָסן אַז דער איינציגער וועג צו זיין זיכער אַז אַלע וועלן קריגן די פּאַמפלעטן, האָט ער, ווען אַלע זיינען אוועקגעגאַנגען זיך אויפגעהויבן און איז געגאַנגען פון טרענטש צו טרענטש. ווען ער האָט דערזען אַז אלע קומען אהין האָט ער זיך ארויסגע׳גנבט און אריינגע׳גנבט זיך אין רייע מיט אלעמען.

ווען די סאָלדאַטן זיינען אריינגעקומען אין די טרענטשעס האָבן זיי באַלד דערזען די פּאַמפלעטן. זיי האָבן זיי אַלע דורכגעלעזן און באַשלאָסן אַז אפשר מיינט עס טאַקע בעסערע צייטן פאַר זיי. זיי האָבן באַשלאָסן טאַקע ארויסצוגיין אין פּאַראַד. לעם האָט אָבער איין טעות געמאַכט. ער האָט אריינגעוואָרפן אַ פּאַמפלעט אין אַ קאָמאַנדיר׳ס טרענטש. ווען דער קאָמאַנדיר האָט עס דערזען האָט ער באַשלאָסן צו רופן א פארזאמלונג פון אלע סאָלדאַטן. ביי דער פאַרזאמלונג האָט ער זיי געזאָגט אַז אויב אימיצער וועט ארויסגיין אויף דעם ערשטן מאַי פּאַראַד וועט מען אים דערהאַרגענען. אַזוי זיינען אַלע זיך צעגאַנגען. אָבער ווען דער ערשטער מאַי איז געקומען זיינען טאַקע אַלע סאָלדאַטן ארויס אין פּאַראַד. ווען די קאָמאַנדירן האָבן דאָס דערזען האָבן זיי אליין גענומען אַמוניציע און זיינען ארויסגעגאַנגען און פּרובירט שיסן אויף די פאַרזאַמלטע, אָבער די פאַרזאַמלטע זיינען געווען מער און זיי האָבן איבערגענומען די קאָמאַנדע, זיי דערשאָסן און אויסגעקליבן זייערע אייגענע קאָמאַנדירן. קאָמאַנדירן וועלכע וועלן העלפן די ארבעטער, ניט די קאַפּיטאַליסטן.

אלבאני פארק שול

פעסי בראָנשטיין

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל

אין דער צווייטער העלפט פון דעם ניינצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך דער קאַפיטאַליזם אין אייראָפּע שטאַרק פאַנאַנדערגעוואַקסן. דער קאַפיטאַליסטישער סיסטעם איז אומעטום פאַרשטאַרקט געוואָרן. די בורזשואַזיע איז געוואָרן זייער רייך און די אַרבעטער זיינען געוואָרן אָרימער פון טאָג־צו־טאָג. די רייכע האָבן קאָנטראָלירט אַלע פאַבריקן, מינעס און אַזוי ווייטער. דער פּראָלעטאַריאַט האָט ניט געקאָנט געניסן פון די רייכטימער, וואָס ער אַליין האָט באַשאַפן. אַלצדינג וואָס די מאַסן האָבן פאַרמאָגט, זייערע היימען, פאַרמס איז צוגענומען געוואָרן פון די רייכע. די אַרבעטער זיינען געוואָרן עקספּלואַטירט, ווייל זיי זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט און האָבן ניט געקאָנט זיך אַנטקעגנשטעלן קעגן זייערע אונטערדריקער. צו יענער צייט זיינען דערפונדן געוואָרן נייע מאַשינען פאַר די פאַבריקן, מינעס און פאַרמס, און דערפאַר זיינען פיל אַרבעטער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס. די אַרבעטער זיינען ניט געווען אָרגאַניזירט אין יוניאָנס, אָדער פאַראיינען; דערפאַר האָבן זיי געדאַרפט אַרבעטן לאַנגע שטונדן פאַר זייער קליינע שכירות.

אָבער אין ענגלאַנד איז די לאַגע פון די אַרבעטער געווען בעסער, ווייל דאָרט איז די יוניאָן באַוועגונג געווען גוט אַנטוויקלט. די אַרבעטער האָבן דאָרט זיך ניט געלאָזט צופיל עקספּלואַטירן און ניט געוואָלט אַרבעטן פאַר קיין קליינעם געהאַלט. האָבן די קאַפּיטאַליסטן באַשלאָסן אימפּאָרטירן אַרבעטער פונ׳ם קאָנטינענט, ווייל דאָרט, איז אַרבעט געווען ביליק. די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער האָבן געלעבט אויף אַ נידעריקן סטאַנדאַרד, דעריבער זיינען זיי געווען צופרידן צו אַרבעטן פאַר אַ קליינעם לוין. זיי האָבן גענומען קאָנקורירן מיט די ענגלישע אַרבעטער. אין צייט פון אַ סטרייק, פלעגן די ענגלישע פאַבריקאַנטן אימפּאָרטירן נאָך מער אַרבעטער צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די סטרייקערס. האָבן די בריטישע אַרבעטער גענומען טראַכטן וואָס צו טאָן וועגן דעם. עטלאַכע טרייד יוניאָן פירער זיינען געקומען צום געדאַנק, אַז מען דאַרף פאַראייניקן אַלע אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט אין איין גרויסער אָרגאַניזאַציע. זיי זיינען געווען איבערצייגט, אַז ווען די אַרבעטער וואָלטן געווען פאַראייניקט, וואָלטן זיי געהאַט אַ בעסערע מעגלאַכקייט צו קעמפן פאַר זייערע רעכט. זיי האָבן דעריבער געזוכט אַ מעגלאַכקייט פאָרצולייגן זייערע פלענער פאַר די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער.

אַזאַ מעגלאַכקייט האָט זיך געשאַפן, ווען אין לאָנדאָן איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון אַרבעטער דעלעגאַטן פון פאַרשידענע פעלקער צו העלפן די פוילישע רעוואָלוציאָנערן נאָכן אויפשטאַנד אין יאָר 1863. די בריטישע דעלעגאַטן האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך דורכצוריידן מיט די פראַנצויזישע דעלעגאַטן וועגן גרינדן אַן אינטער־

נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. זייערע פּלענער זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם.

עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז די ערשטע זיצונג זאָל אָפּגעהאַלטן ווערן אין לאָנדאָן, דעם אַכט און צוואַנציקסטן סעפּטעמבער, 1864. צו דער זיצונג זיינען געקומען דעלעגאַטן פון פאַרשידענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. אויף דער זיצונג איז באַשטימט געוואָרן צו גרינדן אַן אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַראיין. דער פאַראיין האָט דערוויילט אַ קאָמיטעט פון פופציק מיטגלידער מיט אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע הויפּטשטעט אין אייראָפּע. די אָרגאַניזאַציע איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דער „ערשטער אינטערנאַציאָנאַל”.

קאַרל מאַרקס האָט אָנגעשריבן דעם פּראָגראַם פונם אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן אויפרוף צו די אַרבעטער־מאַסן אין אַלע לענדער, אַז כדי זיך באַפרייען פון עקספּלואַטאַציע מוזן זיי זיך פאַראייניקן אין איין גרויסן פאַרבאַנד. דער אויפרוף האָט זיך פאַרענדיקט מיט די ווערטער „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך”. מאַרקס האָט אויך אָנגעשריבן די קאָנסטיטוציע פונם אינטערנאַציאָנאַל.

דורך דער צייט פון זיין עקזיסטענץ האָט דער אינטערנאַציאָנאַל געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די מאַסן.

ער האָט אָנטייל גענומען אין פּאָליטישע טעטיקייטן אין פאַרשידענע לענדער און האָט אויך געהאָלפן די אַרבעטער צו קעמפן פאַר בעסערע אַרבעטס באַדינגונגען.

דער אינטערנאַציאָנאַל איז דערפאַר שטאַרק אונטערדריקט געוואָרן פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען אין אייראָפּע, ווייל זיי האָבן אין אים געזען אַ געפאַר פאַר זייער עקזיסטענץ.

אין פראַנקרייך, צום ביישפּיל, איז געווען אַ פאַרברעכן צו זיין אַ מיטגליד פונם אינטערנאַציאָנאַל.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט עקזיסטירט בלויז ביז דעם יאָר 1876. פאַרשידענע אורזאַכן האָבן געפירט צו זיין אונטערגאַנג. א סך טרייד יוניאָן פירער פון ענגלאַנד האָבן געדענקט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל דאַרף זיך אָפּגעבן בלויז מיט יוניאָן פּראָבלעמען, זיי זיינען שפּעטער ארויסגעטראָטן פונם אינטערנאַציאָנאַל, ווייל ער האָט אָנגעפירט אַ ברייטע פּאָליטישע טעטיקייט. זייער ארויסטריט האָט שטאַרק אָפּגעשוואַכט דעם גייסט פון דער אָרגאַניזאַציע.

די הויפּט סבה וואָס האָט פאַראורזאַכט דעם אונטערגאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל איז געווען דאָס, וואָס די אַנאַרכיסטן, אונטער דער פירערשאַפט פון באַקונין און די סאָציאַליסטן מיט קאַרל מאַרקס אין דער שפּיץ האָבן זיך כסדר ארומגעקריגט.

די אַנאַרכיסטן זיינען געקומען פון איטאַליען, שפּאַניען, און רומעניען. זיי האָבן אַפּטמאָל געפירט היציקע דעבאַטעס מיט די סאָציאַליסטן. ביידע גרופּן האָבן ניט געקענט שטימען צווישן זיך. באַקונינס פּאַרטיי איז געווען פאַר אַנפירן אַ קאַמף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט דורך טעראָר. די סאָציאַליסטישע גרופּע האָט

געפּריידיקט איינצופירן דעם סאָציאַליזם דורך פרידלאַכע מיטלען. די אַנאַרכיסטן האָבן דורכאויס געוואָלט, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל זאָל דורכפירן אומעטום רעוואָלוציעס דורך טעראָר.

צוליב די אָפטע קריגערייען, איז דער אינטערנאַציאָנאַל אונטערגעגאַנגען.

אָבער דער אינטערנאַציאָנאַל איז געבליבן לעבן אין די הערצער פון די אַרבעטער מאַסן אין דער גאַנצער וועלט.

ליבע שיינאָף

מענדעלע מוכר ספרים

(שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)

מענדעלע מוכר ספרים איז געבוירן געוואָרן דעם ערשטן יאַנואַר, 1836, אין קאַפּוליע, מינסקער גובערניע. זיינע עלטערן האָבן אים אַ נאָמען געגעבן שלום יעקב. ער איז געווען אַ געראָטן, קלוג און שיין אינגל. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן חשק צום לערנען. זיין פאָטער איז געווען אַ למדן און האָט אויסגעקליבן די בעסטע מלמדים פון שטאָט פאַר זיין זון.

גאַנץ פרי פלעגט דער פאָטער אויפוועקן שלום יעקב'ן און נעמען אים אין בית מדרש אריין לערנען. דאָרט פלעגט ער זיך צוקוקן צו אַלץ, וואָס ער האָט געזען און געהערט. די איינדרוקן פון זיינע יונגט־יאָרן האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין זיינע שפּעטערדיקע שריפטן.

אין שלום יעקב'ס לעבן האָבן באַזונדערס פיר מענטשן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. דער ערשטער איז געווען זיין מלמד, יאָסי ראַבינס. רב' יאָסי ראַבינס איז נישט געווען קיין שטרענגער. ער איז געווען אַ מילדער און אַ גוטער. ער האָט געהאַט אַ קינסטלערישן טאַלאַנט צו שניצן און מאָלן, און ער האָט ביי שלום יעקבן אויפגעוועקט דעם פאַרלאַנג צו שאַפן.

דער צווייטער, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף שלום יעקבן איז געווען אייזיק, דער שמיד. ער האָט ליב געהאַט צו גיין אין אייזיק'ס קוזניע און צוהערן זיך צו דעם קלאַנג פון'ם שמידס האַמער אויף דער קאַוואַדלע. אייזיק האָט דערציילט שיינע און קלוגע מעשיות, און שלום יעקב האָט ליב געהאַט זיך צוהערן צו זיי מיט גרוים אינטערעסט.

הערצל קיילעס, דער סטאָליער, האָט אויך געהאַט אַן איינפלוס אויף שלום יעקבן. אַ חוץ סטאָליעריי, האָט הערצל אויך געקאָנט שפּילן אויפן פידל. דער סטאָליער האָט געהאַט אַ גאָרטן, אַ פעלד און אַ שטאָל מיט בהמות. שלום יעקב האָט ליב געהאַט צו גיין שפּאַצירן דאָרט צווישן קאָרן און זאַנגען, ער האָט זיך אַזוי נעענטער באַקאַנט מיט דער נאַטור, מיט דעם לעבן פון בהמות, הינט און פייגעלאַך. שלום יעקב האָט שפּעטער באַזונגען די נאַטור אין זיינע שריפטן.

נאָך איינע, וואָס האָט פאַראינטערעסירט שלום יעקב'ן איז געווען יאַכנע סאָסיע, א פלאָטקע־מאַכערן. זי פלעגט אריינקומען צו זיי אין הויז און דערציילן מעשות פון כישופמאכער, מזיקים און זאכן וואָס זיינען ניט געשטויגן און נישט געפלויגן. פון איר האָט שלום יעקב איבערגענומען א סך פאָלקס מעשות און אפילו איר שפּראַך. אָט די פיר מענטשן האָבן געהאַט א גרויסע ווירקונג אויף מענדעלעס לעבן און שאַפן.

שלום יעקב האָט געלערנט אין חדר, אין בית מדרש און אין דער היים. נאָכן לערנען האָט ער זיך געשפּילט אין וואַלד און אין פעלד מיט זיינע חברים. ער איז געווען ערנסט און פרום, און אויך שטי־פעריש.

שלום יעקב האָט ליב געהאַט זיך צוקוקן צו פאַרשידענע מענטשן. ער האָט זיך צוגעהערט ווי זיי האָבן גערעדט, דערנאָך פלעגט ער זיי נאָכמאַכן און איבערקרימען. זיין מאַמע פלעגט זיך אָנבייזערן אויף אים, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. זיין פאָטער האָט דאָס שטיפן פון זיין זון נישט גענומען צום הארצן. ער האָט ליב געהאַט זיין זון און געלייגט אויף אים גרויסע האָפענונג.

ווען ער איז געווען דרייצן יאָר אלט איז זיין פאָטער, ר' משה חיים, פּלוצלונג געשטאָרבן און איבערגעלאָזט זיין פאַמיליע אין גרויס אָרימקייט. איצט האָבן זיך אָנגעפאַנגען פאַר שלום יעקב'ן ביטערע יאָרן. ער איז געפאָרן אין א ישיבה אין א דערבייאיק שטעטל. דאָרט האָט ער טאָג און נאַכט געלערנט גמרא. ער האָט געטראַכט פון זיין שטעטל, זיין היים און זיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך זיין מאַמען.

אביסל שפּעטער איז ער געפאָרן צוריק אהיים צו זיין מאַמען. זי האָט געהייראַט צום צווייטן מאָל מיט א מילנער. שלום יעקב פילט זיך איצט אין איינזאַמער און א פאַרלאָזטער. זיין איינציקע טרייסט איז געווען צו פאַרברייינגען אויף דער נאַטור. ער האָט ליב געהאַט צו גיין שפּאַצירן אין די פעלדער, וועלדער, הערן ווי די פייגעלאַך זינגען און קוקן אויף די שיינע בלומען. אים האָט פאַרדראָסן וואָס זיין מוטער האָט חתונה געהאַט מיט א "פרעמדן אידן". וואָס האָט ער געקאָנט טאָן? ער נעמט טראַכטן וועגן פאַרלאָזן זיין געבורט שטעטעל און זיך לאָזן אין דער וועלט אריין זוכן גליק.

אין קאַפּוליע האָט שלום יעקב זיך באַקענט מיט אברהמ'ל, דעם הינקענדיקן. אברהמל איז געווען א היימישער בעטלער. ער האָט דערציילט די אידן פון קאַפּוליע ווי גליקלאַך עס לעבן די אידן אין וואָלין און אוקראַינע. אברהמלע'ס פאַנטאַסטישע מעשיות האָבן די קאַפּוליער פאַר'כשופט. ניט איין איד האָט געוואָלט פאָרן אהין אינם "לאַנד פון מילך און האָניק". אברהמל האָט גענומען צורעדן שלום יעקבן, אז ער זאָל זיך לאָזן מיט אים וואַנדערן. דער הינקענדיקער האָט געדאַרפט אימיצן ווי שלום יעקבן פאַר זיינע בעטלערשע צוועקן, און שלום יעקב האָט געוואָלט אַנטלויפן פון קאַפּוליע.

דער טאָג איז געקומען, ווען ביידע שלום יעקב און אברהמל האָבן זיך ארויסגעלאָזט איבער דער וועלט. אברהמל איז אין יעדער

שטאָט, געגאַנגען איבער די הייזער בעטלען, און געצוואונגען שלום יעקבן, אַז ער זאָל אים העלפן בעטלען. שלום יעקב האָט באַלד אויסגעפונען וואָס פאַר א גליקן אים דערוואַרטן און ער האָט געפּלאַנט צו אַנטלויפן פון דעם הינקענדיקן.

איינמאָל שלעפנדיק זיך מיטן וואָגן איבער בלאָטיקע וועגן האָט אברהמלס פערד פאַרלאָרן א פּאַדקאָווע, האָט ער געשיקט שלום יעקבן אויפצוזוכן די פּאַדקאָווע. שלום יעקב האָט א מידער, א ניט דערשלאָפענער גענומען זוכן די פּאַדקאָווע און ניט געפונען. א טרויעריקער איז ער געגאַנגען צוריק צום בעטלער.

אויפן וועג האָט ער באַגעגנט א פור מיט פריילאַכע און זינגענדיקע מענטשן. פון דער פור איז אַרויסגעשפּרונגען א יונגערמאַן וואָס האָט אים גענומען קושן און האַלדזן. דאָס איז געווען זיין חבר, וואָס איז געווען א זינגער ביי א חזן אין קאַמענעץ. מיט דעם חברס הילף איז אונזער שלום יעקב באַפרייט געוואָרן פון דעם הינקענדיקן בעטלער. זיין חבר נעמט אים מיט אין קאַמענעץ און דאָרט האָט זיך אָנגעפאַנגען פאַר שלום יעקב'ן א ניי לעבן.

ער נעמט לערנען אין בית מדרש, אָבער אין דער זעלבער צייט ווערט ער אריינגעצויגן אין דער "השכלה" באַוועגונג.

אין קאַמענעץ באַקענט ער זיך מיט דעם באַרימטן שרייבער אברהם בער גאָטלאָבער. אונטער זיין איינפלוס נעמט ער זיך לערנען וויסנשאַפט און שפּראַכן. שלום יעקב האָט זיך גוט געלערנט און אין גיכן געענדיקט אויף לערער. באַלד האָט ער זיך אויך גענומען צו שרייבן אַרטיקלען און דערציילונגען אין העברייאיש, צוערשט האָט ער געשריבן וועגן קינדער דערציאונג און שפּעטער דערציילונגען. ער האָט איבערגעביטן זיין נאָמען שלום יעקב אבראַמאָוויטש אויף מענדעלע מוכר ספרים.

זיינע אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן אין העברעאיש, נאָר זיין ערשטער בוך "דאָס קליין מענטשעלע", איז געשריבן געוואָרן אין אידיש. מענדעלע האָט אויסגעפונען, אַז די ברייטע מאַסן פאַרשטייען ניט קיין העברייאיש. און ער האָט געוואָלט, אַז דאָס פאָלק זאָל אים פאַרשטיין. ער האָט געוואָלט לערנען דאָס פאָלק, אַז עס זאָל ווערן בעסער און שענער, האָט ער דערפאַר גענומען שרייבן אויף דער שפּראַך פון פאָלק, אין אידיש.

אין 1864, ווען מענדעלע איז געווען 28 יאָר אַלט האָט ער אָפּגעדרוקט "דאָס קליין מענטשעלע", וואָס האָט שפּעטער געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק אויף די אידישע לייענער. אין דעם בוך האָט ער אַרויסגעבראַכט דריי זאַכן: א בילד פון אַן אָרים, אידיש קינד און יענער צייט, די אומאָרדענונג אינ'ם אידישן לעבן און א פּראָגראַם פון א בעסערער דערציאונג. דאָס בוך האָט אים געמאַכט א נאָמען ביי דעם אידישן פאָלק. מענדעלע האָט זיך אָנגענומען פאַר די אָרימע פאָלק מאַסן און קריטיקירט די, וואָס באַראַבעווען זיי. אין 1869 האָט מענדעלע געשריבן "די טאַקסע". דאָס בוך איז געווען זייער א שאַרפע, שטרענגע קריטיק אויף די שטאָט-פירער, וואָס האָבן צוגענומען דאָס

נעלט פון פאָלק צו זיך אין קעשענע. פאַר דער קריטיק האָבן אים די בערדיטשעווער שטאָט באַלעבאַטים געגומען פאַרפאָלגן. ער איז דאַן געווען געצוואונגען צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע צו פאַרלאָזן די שטאָט בערדיטשעוו.

אינגיכן האָט מענדעלע געשריבן זיין באַרימט ווערק די "קליאַטשע". אין דעם בוך האָט ער געוואָלט ווייזן די לאַגע פון דעם אידישן פאָלק אין דער וועלט. ער האָט אויך אַרויסגעבראַכט זיינע טענות צו דער וועלט, און באַוויזן, אַז אין דעם פינסטערן מזל פון די אידן איז די וועלט שולדיק, ניט די אידן אַליין. אין די "קליאַטשע" ברענגט מענדעלע אַרויס דעם געדאַנק אַז די אידן האָבן אַ רעכט צו לעבן גלייך מיט אַנדערע פעלקער און האָבן אַ רעכט אויף פרייהייט.

אין דעם בוך "פישקע דער קרומער" האָט מענדעלע באַשריבן וואָס ער האָט געזען אויף זיינע וואַנדערונגען מיט "אַברהמל דעם הינקענדיקן". אין פישקע ווערט דערציילט וועגן דעם לעבן פון אידישע אָרימע לייט און בעטלער.

מענדעלע מוכר ספרים האָט אויך געשריבן הומאָריסטישע ווערק. אין 1878 האָט ער געשריבן, "מסעות בנימין השלישי", אין וועלכן ער לאַכט אָפּ פון די אָפּגעשטאַנענע קליינשטעטלדיקע אידן.

אין 1888 האָט מענדעלע געשריבן "דאָס ווינטשפינגערל", אין דעם בוך האָט ער געגעבן אַ בילד פון דעם לעבן פון אַ געראָטן אידיש אינגל, הערשעלע, און די נויט און אָרימקייט אינ'ם אידישן לעבן.

מענדעלע האָט זייער ליב געהאַט קינדער, ניט נאָר אין זיינע ביכער, נאָר אויך אין לעבן. ווען ער פלעגט זיך שפּילן מיט זיי, איז ער אַליין געוואָרן אַ קינד. זיין גאַנץ לעבן איז ער געווען פאַראינטע־רעסירט אין צוויי זאַכן: ליטעראַטור און קינדער דערציאונג.

אויף דער עלטער האָט מענדעלע באַשריבן זיין אייגן לעבן, אינ'ם בוך "שלמה רב חיים'ס". דאָ האָט ער באַשאַפן אַ בילד פון אידישן לעבן אין דער ליטע מיט הונדערט יאָר צוריק. אין דעם בוך קרי־טיקירט ער דאָס אַמאָליקע אידישע לעבן, אָבער ער האָט אויך געזען שיינקייט אין דעם.

מענדעלע מוכר ספרים האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר אונדזער ליטעראַטור און שפּראַך.

אויב מען וויל זיך באַקענען מיטן אַמאָליקן אידישן לעבן, מוז מען לעזן די ביכער פון מענדעלען. ער איז דער זיידע פון דער נייער אידישער ליטעראַטור. ער איז געווען ניט נאָר אַ שרייבער, נאָר אויך אַ קעמפער פאַר אמת און יושר, ער האָט אָפּט געליטן נויט און הונגער צוליב זיינע איבערצייגונגען. ער האָט גע'חלומ'ט פון אַ גליקלאַך לעבן פאַרן אידישן פאָלק.

אין די לעצטע מאָנאַטן פונ'ם יאָר 1917, איז מענדעלע מוכר ספרים געוואָרן קראַנק. שבת, דעם אַכטן דעצעמבער 1917, איז ער געשטאָרבן אין אָדעס, רוסלאַנד. מענדעלע איז געשטאָרבן מיט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן.

יאָסל עלקין

צאַר ניקאָליי דער ערשטער און די אידן

ווען צאַר ניקאָליי דער ערשטער פון רוסלאַנד איז אַרויף אויפ'ן טראָן, האָט זיך באַלד אָנגעפאַנגען צרות פאַר אידן. ער האָט געוואָלט אויסראָטן די אידן דורך שמד, און ער האָט זיך באַנוצט מיט די שווידערלאַכסטע מיטלען דורכצופירן דעם פּלאַן. איינס פון די מיטלען איז געווען צו כאַפּן אידישע קינדער פון זייער מוטערס שויס און זיי אַוועקפירן אין די ווייטע רוסישע גובערניעס, וואו מען האָט זיי געלערנט צו ווערן סאָלדאַטן, און נאָכדעם געצוואונגען צו שמד'ען זיך. טויזנטער קינדער פלעגן שטאַרבן אויפן וועג פון הונגער, דורשט און קעלט. אין די באַטאַליאָנען פלעגן ברוטאַלע אָפיצערן זיי שלאָגן מיט קאַנטשיקעס. פאַר דער מינדסטער קלייניקייט פלעגט מען שלאָגן, ווען אַ קינד האָט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיגט, פלעגט דער אָפיצער אים שלאָגן.

די קאַנטאָניסטן פּעריאָדע איז געווען איינע פון די שווידערליכסטע קאַפּיטלען אין דער אידישער געשיכטע. אין די אידישע קהלות פלעגט מען אָנשטעלן "כאַפּערס" צו כאַפּן אידישע קינדער, ווייל ניקאָליי האָט באַשטימט אַזויפיל און אַזויפיל "רעקרוטן" פון יעדער קהלה. און אויב ניט פלעגט מען די פאָרשטייער פון דער קהלה באַשטראָפן און אָפטמאָל פאַרשיקן קיין סיביר. דערפאַר פלעגן די פאָרשטייער פון דער קהלה נעמען רעקרוטן מיט גוואַלד. זיי פלעגן אָנשטעלן "כאַפּערס", וואָס פלעגן מערסטנס כאַפּן קינדער פון אלמנות, אָרימע באַלמעלאָכעס און סתם אָרימע לייט. די געכאַפּטע קינדער האָט מען דערנאָך אַוועקגעשיקט אין די קאַנטאָניסטן־באַטאַליאָנען.

אָט איז אַ בילד וואָס ווייזט ווי ברוטאַל די "כאַפּערס" זיינען געווען.

אין אַ שיינעם זוניקן טאָג איז געזעסן אַן אָרימע אלמנה אויפן באַלקאָן פון איר הויז און געשיילט קאַרטאָפל, פלוצלונג פאָרט צו אַ וואָגן, און דריי אידישע "כאַפּערס" שפּרינגען פון אים אַרויס. די אלמנה האָט געגומען באַהאַלטן אירע דריי קינדער. איין קינד איז געווען זעקס יאָר אַלט, דאָס צווייטע אַכט און דאָס דריטע צען. לויט דעם געזעץ פון ניקאָליי האָט מען געדאַרפט נעמען פאַר "רעקרוטן" קינדער אין עלטער פון צוועלף יאָר און ניט אינגער, און בלויז איין קינד פון אַ פאַמיליע. אָבער אַזוי ווי קהל האָט געוואָלט האָבן גענוג "רעקרוטן" האָט מען גענומען קינדער אין עלטער פון זעקס און אַכט יאָר, און אפילו דריי פון אַ פאַמיליע. אָבער מען האָט זיי פאַרשריבן אויף אַן אַנדערן נאָמען.

די "כאַפּערס" האָבן געפרעגט די אלמנה צי זי האָט קינדער, די אלמנה האָט געענטפערט מיט טרערן אין די אויגן, אַז ניין. און ווען זי האָט ניט געוואָלט אַריינלאָזן די "כאַפּערס" אין הויז אַריין, האָבן

זיך די "כאפערס" צולאכט און מיט געוואלד אריין אין הויז. איינער האט געטראָגן שטריק, און די אנדערע צוויי האבן געהאלטן קאנטשי־קעס אין די הענט. די אלמנה האט אנגעפאנגען שרייען, זי האט ביי איינעם אויסגעצופט א האלבע באָרד, א צווייטן האט זי צעריסן די קאפאטע. איינער פון די "כאפערס" האט איר ברוטאל געגעבן א זעץ אין מויל מיט זיין שטיוול. פון איר מויל האט גענומען רינען בלוט און זי האט געשריען, "אידן, ראטעוועט מיינע קינדער"! איינער פון די "כאפערס" האט געפונען דאס זעקס־יאָריקן קינד. דאס אינגל האט אנגעפאנגען צו וויינען. באלד האט מען ארויסגעשלעפט די אנדערע צוויי קינדער פון זייערע באהעלטעגישן, געבונדן אין שטריק און אוועקגעפירט צום וואגן. די אלמנה האט ניט אויפגעהערט צו רייסן די אידן. די "כאפערס" זיינען אריין אין וואגן און גענומען שמייסן די פערד, אבער די אלמנה האט זיך אנגעהאלטן אן וואגן. די "כאפערס" האבן געשמיסן מיט בייטשן אירע הענט, אבער זי האט ניט אפגעלאזט. איינער פון די אידן איז ארויס פון וואגן און איר געגעבן אזא זעץ, אז זי איז געפאלן אין אנמאכט און פארלארן דאס באוואוסט־זיין.

די "שיינע אידן" (רייכע אידן) האבן זיך ניט געדארפט זארגן אז, מען וועט ביי זיי צונעמען זייערע קינדער, ווייל די "כאפערס" האבן ניט געוואגט צו "כאפן" א קינד פון א "שיינעם איד".

א קאנטאניסט האט געדארפט זיין אין קאנטאניסטן באטאליאן ביז איין־און־צוואנציק יאר. נאכער האט ער געדארפט דינען אין דער ארמיי פינף־און־צוואנציק־יאר. דאס לעבן פון די קאנטאניסטן אין די באטאליאנען איז געווען מורא'דיק שלעכט. מען פלעגט אויסער שלאגן זיי אויך אפשפעטן און אפלאכן פון זייער אידישקייט. מען האט זיי אפטמאל געצוואונגען צו שמד'ן זיך. אבער די אידישע קינדער האבן זיך ניט געוואלט אונטערגעבן. זיי זיינען גרייט געווען צו באַצאלן מיט זייער אייגן לעבן, איידער צו ווערן קריסטן.

עס ווערט דערציילט, אז איינמאל איז ניקאליי געקומען אין א קאנטאניסטן לאגער נעבן וואלגא טייך. ער האט געוואלט מאכן קריסטן פון די קאנטאניסטן. ער האט געהייסן דריי־הונדערט אידישע קינדער ארייננגיין אין טייך, זיך אפצושווענקען, ארויסגיין און קושן דעם הייליקן צלם. אבער ווען די קינדער זיינען אריין, זיינען זיי שוין קיינמאל מער ניט ארויס. זיי האבן זיך דערטרונקען. אלע דריי הונ־דערט קינדער האבן בעסער געוואלט שטארבן, איידער ווערן קריסטן.

די קאנטאניסטן־פעריאדע האט זיך געצויגן א לאנגע צייט נאך צאר ניקאליי'ס טויט. אפילו צאר אלעקסאנדער דער ערשטער האט אנגעהאלטן די קאנטאניסטן־באטאליאנען.

ערשט, אין יאר 1875, ווען אלעקסאנדער דער צווייטער איז גע־ווארן צאר האט מען אויפגעהערט "כאפן" אידישע קינדער.

דניאל פרידמאן

קאַרל מאַרקס

קארל מארקס איז געבוירן געוואָרן דעם יאָר 1818 אין דעם שטעטל, טריער, דייטשלאַנד. זיין מוטער, הענריעטע פּרעסבורג, האָט אָפּגעשטאַמט פון אונגארישע רבנים. זיין פאָטער, הערשל מאַרקס, איז געווען אן אדוואָקאט. אויך ער האָט אָפּגעשטאַמט פון א אידיש רבנישער משפחה, אָבער ער האָט זיך געהאלטן ווייט פון אידישע אינ־טערעסן. הערשל מארקס האָט געהאָפט, אז זיין זון וועט אויסוואקסן א באַרימטער מאַן. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אז קארל וועט ניט קאָנען אריינקומען אין דער העכערער דייטשער געזעלשאפט צוליב זיין אידישקייט.

עס איז דעמאָלט געווען א שלעכטע צייט פאַר די אידן. א סך אידן האָט מען אָפּגעזאָגט פון רעגירונג־שטעלעס, וואָס זיי האָבן פאַר־נומען אין דער צייט פון דער פראנצויזישער הערשאַפט. מען האָט ניט דערלויבט די אידן צו פאַרנעמען קיין וויכטיקע אמטן. די אידן אין דייטשלאַנד זיינען צו יענער צייט געווען שטאַרק אסימילירט, זייער שפּראַך איז געווען דייטש, א סך פון זיי האָבן זיך גע׳שמדט. זיי האָבן אַנגענומען די קריסטלאַכע רעליגיע, כדי אויסצומיידן פאַרפאָלגונגען.

אויך הערשל מארקס האָט געטראַכט, אז כדי קארל זאָל קאָנען אין דער צוקונפט ווערן א גרויסער שטאַטסמאַן, אָדער אן אדוואָקאַט, מוז ער ווערן אַן אמת׳ער דייטש. און ווען קאַרל איז אַלט געווען אַרום פינף יאָר האָט זיך הערשל מארקס צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע אָפּ־געשמד׳ט.

קארל האָט זיך זייער גוט געלערנט. אין שול איז ער געווען איינער פון די בעסטע שילער. די לערער האָבן שטאַרק געלויבט זיינע פייאיקייטן. ער האָט ליב געהאַט צו לייענען א סך און שרייבן לידער. ער האָט זייער פלייסיק געלערנט גריכיש און לאַטיין. זיין פאָטער האָט ליב געהאט צו שמועסן מיט אים וועגן פּאָעזיע, פילאָזאָפיע און אנדערע פראַגן.

ער האָט זיך באַקאַנט מיט זיין שוועסטער׳ס א חבר׳טע זשעני פאָן־וועסטפאַלן. זי איז געווען מיט א פּאָר יאָרן עלטער פון אים. זשעני האָט געשטאַמט פון א הויכער אריסטאָקראַטישער פאַמיליע. איר פאָטער, באַראָן לודוויג פאָן־וועסטפאַלן, איז געווען א פּרייסישער באַאַמטער. דער באַראָן האָט ליב געהאט מאַרק׳ס קינדער און, ספּעציעל קאַרל׳ען. ער האָט ליב געהאַט מיט אים צו לייענען די פּאָעטישע שריפטן פון לעסינג און געטע.

אין זיין פרייער צייט פלעגט קארל פאַרברענגען מיט זיין שוועס־טער און מיט זשעני׳ן. ער האָט א סך געלייענט און נעקענט במעט אויף אויסווייניק די שריפטן פון דאַנטע, סערוואַנטעס, שעקספּיר, לייבניץ, לעסינג און געטע. ער האָט געענדיקט גימנאַזיע אין יאָר 1835 מיט די בעסטע אויסצייכנונגען.

זיין פאַטער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אַריינטרעטן אין אוניווער־סיטעט און שטודירן צו ווערן אַ שטאַטסמאַן, אָדער אַן אַדוואָקאַט. קאַרל האָט געוואָלט בעסער לערנען פילאָזאָפיע און געשיכטע. ער האָט געמוזט נאָכגעבן זיין פאַטערס פאַרלאַנג און איז אַריינגעטראָטן אויפן יורידישן פאַקולטעט אין בערלינער אוניווערסיטעט. ער האָט זיך אָבער דאָרט זייער שלעכט געלערנט, ווייל אים האָט געצויגן אַהיים אין טריער צו זיינע עלטערן און באַזונדערס צו זשעני, וועמען ער האָט שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט איר; אָבער ביידע פאַמיליעס האָבן ניט געוואָלט צושטימען צו דעם. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען נאָך צו יונג צו הייראַטן, אַז זיי מוזן נאָך וואַרטן ביז קאַרל וועט ענדיקן זיין שטודיום. קאַרל האָט דאַן געבעטן זיין פאַטער ער זאָל אים געבן די דערלויבניש צו פאָרן קיין בערלין. קאַרל איז אָנגעקומען אין בערלינער אוניווערסיטעט אין יאָר 1886. ער האָט זיך גענומען פלייסיק שטודירן און באַלד איז ער באַ־קאַנט געוואָרן אַלס אַ גוטער סטודענט. ער האָט זיך מערסטנס אָפּ־געגעבן מיט לערנען געשיכטע און פילאָזאָפיע.

אין בערלין האָט דעמאָלט עקזיסטירט אַ קלוב פון העגלס תלמידים, וועלכע האָבן זיך גערופן "די יונגע העגליאַנער". ער איז אויך געוואָרן אַ מיטגליד פון דעם קלוב און האָט אַלעמען איבערראַשט מיט זיינע אינטערעסאַנטע געדאַנקען און מיינונגען. מאַרקס האָט זיך גענומען אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלאַכע פראַגן און ביסלאַכוויז האָבן זיך ביי אים גענומען פאָרמירן סאָציאַליסטישע און רעוואָלוציאָ־נערע געדאַנקען. אין יאָר 1842 האָט אַ רעוואָלוציאָנערע גרופּע אַרויסגעגעבן אַ ראַדיקאַלע צייטונג, וואָס האָט געהייסן "די ריינישער צייטונג". קאַרל האָט דאָרט אַריינגעשיקט אַרטיקלען וועגן סאָציאַליזם. אין די אַרטיקלען איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דער רעגירונג. שפּעטער איז קאַרל מאַרקס געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. די פּרייסישע רעגירונג האָט פאַרמאַכט די צייטונג אין יאָר 1843.

קאַרל האָט געענדיקט דעם בערלינער אוניווערסיטעט ווען ער איז געווען 23 יאָר אַלט. דעם 18טן יוני 1843, האָט קאַרל ענדלאַך חתונה געהאַט מיט זשעני, זי איז אים געווען אַ גוטע ווייב און פריינט זיין גאַנץ לעבן. אין די ביטערסטע צייטן פון נויט איז זי געבליבן זיין חבר'טע

נאָך זייער חתונה־רייזע האָבן זיי זיך באַזעצט אין פּאַריז און דאָרט האָט זיך מאַרקס באַקענט מיט דעם באַרימטן אידיש־דייטשן דיכ־טער היינען און מיט דעם אַנאַרכיסטישן פירער באַקונין. אין מאַרקס'ס הויז פלעגן אַלעמאָל קומען באַרימטע מענשן. גאַנצע נעכט פלעגן זיי דיסקוטירן וועגן ליטעראַרישע און פילאָזאָפישע פראַגן.

לאַנג האָט קאַרל מאַרקס אין פּאַריז ניט געקענט בלייבן. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים געצוואונגען צו פאַרלאָזן פראַנקרייך צוליב זיינע אַרטיקלען אין דער ראַדיקאַלער דייטשער צייטונג "פאָר־ווערטס", וואָס איז דאַן אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פּאַריז. מאַרקס איז אַפּגעפאָרן אין בעלגיע, אָבער נאָך פריער האָט ער זיך צוזאַמענגע־

טראָפן מיט א יונגנמאן מיטן נאָמען פרידריך ענגעלס, דער זון פון א רייכן דייטשן פאבריקאנט. פרידריך ענגעלס איז אויך געווען א ראַדיקאל וואָס האָט שפּעטער א סך געהאָלפן מארקס׳ן אין זיין ארבעט פאר דעם סאָציאליסטישן געדאנק. קארל האָט זיך אויף א שטיקל צייט באַזעצט אין בריסל. דאָרט זיינען אויך געווען אנדערע אנטלאָפענע רעוואָלוציאָנערן פון דייטשלאנד און אלע האָבן זיך גרופּירט ארום מארקס׳ן. אין בריסל זיינען אויך געווען א סך דייטשישע ארבעטער. קארל מארקס האָט זיי אָרגאניזירט אין איין בונד און געהאלטן פאר זיי לעקציעס.

ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן ״די אָרימקייט פון דער פילאָזאָפיע״. דאָס איז געווען אן ענטפער אויף דעם בוך פון זיין גוטן פריינט פּרודאָן — ״די פילאָזאָפיע פון דער אָרימקייט״. דאָס וויכטיקסטע ווערק, וואָס קארל מארקס האָט אין יענער צייט געשריבן מיט דער הילף פון פרידריך ענגעלס איז געווען דער ״קאָמוניסטישער מאַניפעסט״. אין דעם מאָניפעסט ווערן איבערגעגעבן די צילן און אויפגאבן פון דער ארבעטער באוועגונג איבער דער גאנצער וועלט. אין יאָר 1848 האָט מארקס געמוזט ארויספאָרן פון בעלגיע. ער איז ווידער געפאָרן קיין פאריז, וואו די ארבעטער האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס פרייד.

אין 1848 האָבן די ארבעטער אין דייטשלאנד רעוואָלטירט קעגן דער רעגירונג. א סך עמיגראנטן רעוואָלוציאָנערן זיינען געפאָרן קיין דייטשלאנד צו העלפן זייערע ברידער ארבעטער. מיט זיי איז אויך געווען קארל מארקס. ער האָט זיך באַזעצט אין דעם רהיין־געגענט און ארויסגעגעבן ״די נייע רהיינישע צייטונג״ אָבער די ארבעטער זיינען געווען צו שוואך איבערצונעמען די רעגירונג. די רעאקציע האָט געזיגט און קארל האָט ווידער געמוזט פארלאָזן דייטשלאנד.

אין יאָר 1849 איז ער געקומען מיט זיין פאמיליע קיין לאָנדאָן. דאָ האָט ער געלעבט אין גרויס נויט. אין אָנהויב האָט נאָך מארקס געהאט א ביסל געלט פון זיינע פארקויפטע זאכן. דאָס געלט איז שנעל אויסגעגעבן געוואָרן. מען האָט אים ארויסגעשטעלט פון זיין וואוינונג, ווייל ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. ער האָט גענומען צוויי צימערלאך אין איינע פון די אָרימסטע געגנדן אין לאָנדאָן. מארקס האָט געמוזט לייען געלט פון זיינע פריינט. אין די יאָרן פון גרויס אָרימקייט זיינען געבאָרן געוואָרן ביי אים אין לאָנדאָן נאָך דריי קינדערלאך. אין יענער צייט האָט קאַרל מאַרקס אָנגעהויבן צו ארבעטן אויף זיין גרעסטן ווערק ״קאַפּיטאַל״. ער האָט געארבעט אויף דעם ווערק זיבעצן יאָר.

אין 1864 האָבן קארל און באקונין געגרינדעט דעם ערשטן אינטערנאציאָנאל. צוליב זיין טעטיקייט אין דעם אינטערנאציאָנאל האָט קאַרל געקראָגן א סך שונאים. ער האָט אלעמאָל געדארפט פירן אַ קאַמף מיט די אַנאַרכיסטן באקונינ׳ען און מאדזיני, וואָס האָבן געוואָלט, אז דער אינטערנאציאָנאל זאָל גיין אויף זייערע וועגן. דער

אינטערנאציאנאל האט פיל געהאלפן די ארבעטער איבער דער גאנצער וועלט אנפירן א קאמף פאר א בעסער לעבן.

אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן האט קארל געליטן פון פארשידענע קראנקהייטן. עס זיינען געוועזן צייטן, ווען ער האט לאנגע מאנאטן געמוזט ליגן אין בעט. די נויט אין קארל׳ס שטוב איז געווארן גרעסער פון טאג־צו־טאג. עטלאכע פון זיינע קינדער זיינען געשטארבן. אין 1880 איז זיין ווייב זשעני געשטארבן נאך א שווערער קראנקהייט. איר טויט האט אויף אים געמאכט א שווערן איינדרוק. ער איז קראנק געווארן און לאנג האט ער ניט געקענט פארגעסן זיין ליבע פרוי, וואס איז געוועזן זיין בעסטער פריינט. ער האט קראנקערהייט געארבעט צו פארענדיקן "קאפיטאל". דאקטוירים האבן אים געראטן צו פארן אין די ווארימע לענדער זיך צו היילן. ביסלאכווייז איז ער געקומען צו זיך, אבער אינגיכן איז זיין עלטסטע טאכטער געשטארבן. ער האט דעם קלאפ ניט געקענט איבערטראגן און איז געשטארבן אומבאמערקט זיצנדיק אויף א שטול, דעם 14טן מערץ, 1883.

מרים האלאנד

פארוואס איך בין פאר דעם טראנספער-אפמאך
(דעבאטע)

מיט עטלאכע מאנאטן צוריק האט דער „זשאן זשארעס קלוב" ביי דער אלבאני פארק ארבעטער רינג שול דורכגעפירט א דעבאטע וועגן דעם טראנספער־אפמאד. איך בין געוועזן איינע פון די, וואס האבן פארטיידיקט דעם שטאנדפונקט, אז מיר זאלן יא אנערקענען דעם טראנספער־אפמאד, און מיינע ארגומענטן זיינען געוועזן פאלגענדע:

אין דייטשלאנד איז די אידישע לאגע זייער א טרויעריקע. די אידן ווערן דארט שטארק אונטערדריקט. זיי האבן נישט קיין בירגער רעכט, זיי קענען ניט האנדלען און פארנעמען קיין שטעלעס. נישט נאר די רעגירונג נאר אויך די גרעסטע טייל פונ׳ם דייטשן פאלק איז אנטיסעמיטיש. אלע צייטונגען אין דייטשלאנד פירן אן א ביטערע אגיטאציע קעגן די אידן.

די דייטשע באאמטע זיינען באאיינפלוסט פון היטלער׳ס רייד און זיי פירן אן א שרעקלאכן קאמף קעגן אידן. אפט מאל דער׳הרג׳עט מען אידן אן קיין שום אורזאך. זייערע פארמעגנס ווערן קאנפיסקירט דורך דער רעגירונג.

עס פארשטייט זיך, אז דאס איז ניט דאס ערשטע מאל, וואס די אידן געפינען זיך אין אזא טרויעריקער לאגע. אין אמאליקער שפאניען און אין צארישן רוסלאנד איז דאס אידישע פאלק געוועזן אזוי פארפאלגט ווי אין איצטיקן דייטשלאנד. דאן זיינען זיי אנטלאפן קיין

האָלאַנד, אימיגרירט קיין אַמעריקאַ און אין אַנדערע לענדער. נאָר איצט איז פאַראַן איין לאַנד נאָר וואו די אידן קענען אַריינקומען און דאָס איז פּאַלעסטינע.

טויזנטער אידן האָבן פאַרלאָזן דייטשלאַנד און געפאָרן קיין פּאַלעסטינע. היטלער האָט זיי אָבער ניט געלאָזט אַרויספירן זייער געלט, נאָר דערלויבט זיי אַנשטאָט דעם אַרויסצונעמען סחורה. פּאַלעסטינע איז מיטאַמאָל פאַרפלייצט געוואָרן מיט דייטשע פּראָדוקטן. אפילו אַזוינע וואַארעס וואָס פּאַלעסטינע פּראָדוצירט אַליין זיינען אַהין אַריינגעשיקט געוואָרן. דער אימפּאָרט פון די דייטשע סחורה איז דעריבער געוואָרן אַ געפאַר פאַר דער פּאַלעסטינע אינדוסטריע. און ווען די אַריינגעקומענע דייטשע אידן האָבן זייערע סחורות ניט געקאָנט פאַרקויפן אין פּאַלעסטינע, האָבן זיי דעריבער פאַרקויפט זיי אין די אַרומיקע לענדער. דאָס האָט געשטערט דעם באָיקאָט, וואָס די אידן און ראַדיקאַלן פירן אָן קעגן היטלער דייטשלאַנד.

איידער דער איד האָט געקאָנט פאַרלאָזן דייטשלאַנד האָט ער געדאַרפט מאַכן אַ באַזונדערן אָפּמאַך מיט דער רעגירונג. ביז ער האָט געקראָגן די דערלויבעניש צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָט ער געדאַרפט וואַרטן אַ לאַנגע צייט. די סחורה האָט ער אַליין געדאַרפט קויפן און פון וואַנען האָט ער געקענט וויסן וואָס פאַר אַ וואַרע מען דאַרף אין פּאַלעסטינע האָבן? און אַזוי איז פּאַלעסטינע פול געוואָרן מיט סחורה, אין וועלכע זי האָט זיך ניט גענויטיקט.

דערפאַר איז דורך דער אידישער אַגענטור געשאַפן געוואָרן דער טראַנספער אָפּמאַך מיט היטלערן, וואָס באַשטייט אין פאָלגנדע פונקטן:

1. אידן וואָס האָבן אַ גרעסערע סומע געלט האָבן דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דייטשלאַנד.

2. זייער געלט גיבן זיי דער "העברה", אַ פּאַלעסטינישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע קויפט די סחורה אין דייטשלאַנד און שיקט זי איבער אין פּאַלעסטינע.

3. די "העברה" קען קויפן וואָס פאַר אַ סחורה זי וויל אין דייטשלאַנד.

איך בין פאַר דעם אָפּמאַך, ווייל:

1. דער טראַנספער ברעכט ניט, נאָר העלפט דעם באָיקאָט. דאָס איז דערפאַר, ווייל דער אָפּמאַך רעגולירט די סחורה, וואָס קומט אַריין און איז נויטיק פאַר פּאַלעסטינע און מען דאַרף ניט פאַרקויפן דעריבער אין די אַרומיקע לענדער.

2. דער אָפּמאַך איז געשאַפן געוואָרן ניט בלויז צו העלפן די רייכע אידן, נאָר אויך די אָרימע וואָס וואָלטן אָן דעם אָפּמאַך ניט געקענט פאַרלאָזן דייטשלאַנד. די "העברה" נעמט פון יעדן אידן, וואָס קומט אַריין אין פּאַלעסטינע דורך דעם טראַנספער אַ געוויסן אָפּצאָל (פון צען ביז דרייסיק פּראָצענט). מיט דעם געלט העלפט מען ברענגען אין פּאַלעסטינע די אָרימערע אידן.

די אפּאָנענטן פון׳ם טראַנספער גיבן אָן, אַלס א ביישפּיל, ״אויב א הויז ברענט דאַרף מען צוערשט ראַטעווען די שוואַכע און דאַן די שטאַרקערע״ דאָס איז ריכטיק, נאָר אויב מען קען פריער ניט ראַטעווען די שוואַכע, זאָלן מיר דעריבער לאָזן אַלעמען פאַרברענט ווערן? איך מיין אַז דורך דעם, וואָס מיר וועלן צוערשט ראַטעווען די רייכערע אידן וועט מען בעסער קענען ראַטעווען די אָרימע.

3. דייטשלאַנד געווינט גאָרנישט דורך דעם טראַנספער. די אויפגאַבע פון דעם באָיקאָט באַשטייט אין דעם, אַז מיר זאָלן ניט איבערשיקן קיין אויסלענדישע געלט אין דייטשלאַנד. פון דעם טראַנספער קריגט היטלער ניט קיין אויסלענדישע וואַליוטע אין וועלכער ער נויטיקט זיך אַזוי שטאַרק. מיט אויסלענדיש געלט קען היטלער קויפן אויסלענדישע וואַרע וואָס דייטשלאַנד מוז האָבן. די אידן דאַרף מען העלפן ארויסשיקן זייער פאַרמעגן פון דייטשלאַנד, ווייל היטלער קאָנפיסקירט עס סיי ווי סיי.

עמיל וואַנדערוועלדע, דער פירער פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און געוועזענער פּרעזידענט פון דעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל זאָגט, אַז די אידן זיינען געצוואונגען געוואָרן אַנצונעמען דעם טראַנספער אַלס א קאָמפּראָמיס מיט היטלערן ווייל היטלער קאָנפיסקירט סיי־ווי־סיי זייערע פאַרמעגנס.

עמיל וואַנדערוועלדע איז דאָך א סאָציאַליסט און א שטאַרקער קעגנער פון היטלער׳ס רעזשים און דאָך זעט ער ניט אין דעם טראַנספער קיין שטערונג צום באָיקאָט.

דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פעדעראַציע פון טרעיד יוניאָנס זאָגט:

״מען האָט טענות צו די הילפס אָרגאַניזאַציעס וואָס העלפן די אידישע עמיגראַנטן פון דייטשלאַנד, און באַזונדערס צו אונזערע פריינט אין פּאַלעסטינע, וועלכע האָבן אין דער הילפס אקציע אויפגעטאָן מער ווי ווער עס איז (אין פאַרלויף פון דריטאַלבן יאָר האָבן זיי אויפגענומען דרייסיק טויזנט דייטשע פליכטלינגע) און פאַרזיכערט זיי א נייע מאָראַלע און מאַטעריעלע עקזיסטענץ, וואָס קען דינען אַלס ביישפּיל פאַר אַנדערע פעלקער. סטייטש זיי האָבן געשלאָסן געוויסע אָפּמאַכן מיט דער דייטשער רעגירונג! מען וואַרפט זיי פאָר, אַז די דאָזיגע אָפּמאַכן דינען דער דייטשער ווירטשאַפט און שטעלן מיט זיך פאָר א פאַרראַט קעגן דער אַנטי פאַשיסטישער טעטיגקייט, ווייל די דייטשע רעגירונג ערלויבט איבערצופירן דעם פאַרמעגן פון די דייטשע אידן קיין פּאַלעסטינע נאָר אין דער פאָרם פון אן עקספּאָרט פון סחורות.

לאָמיר פריער פון אַלץ ניט פאַרגעסן אַז דאָ האַנדלט זיך סך־הכל וועגן דרייסיק מיליאָן מאַרק. מיר מוזן אויפקלערן די אַלע וואָס זיינען ניט גענוי אינפאָרמירט וועגן דער זאַך, אַז ניט נאָר האָבן די דייטשע פליכטלינגע קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי אַזוי ארויסצובאַקומען זייער פאַרמעגן, נאָר אויך אַז דער גאַנצער אָפּמאַך האָט קיין שום

באדייטונג נישט אין פארגלייך מיט די אָפּמאַכן וואָס זיינען געשלאָסן געוואָרן צווישן דער דייטשער רעגירונג און די אַזוי גערופענע קאָמ־פּראָמיסלאָזע פיינט פון נאַציס". (אויסצוג פון "פאָרווערטס").

א סך באַוואוסטע סאָציאַליסטן, אידן און ניט אידן, זיינען פאַר דעם טראַנספער אָפּמאַך. און כאָטש דער אָפּמאַך איז אַ קאָמפּראָמיס מיט היטלער־דייטשלאַנד דאַרפן מיר דאָך שטיצן דעם טראַנספער. מיר דאַרפן טאַקע באָיקאָטירן היטלער־דייטשלאַנד, אָבער נישט באָיקאָטירן אונזערע אידישע ברידער אין דייטשלאַנד. עס איז אונזער פליכט זיי צו העלפן!

יאָסל עלבין

פאַרוואָס איך בין קעגן דעם טראַנספער-אָפּמאַך
(דעבאַטע)

די אידן איבער דער גאַנצער וועלט טראַכטן איצט גאַנץ ערנסט. ווי אַזוי צו ראַטעווען די אידן פון היטלער'ס גיהנום. די לאַגע פון די אידן אין דייטשלאַנד איז זייער אַ טרויעריקע. קעגן די אידן ווערט אָנגעפירט אַ באָיקאָט! היטלער שטעלט אַוועק זיינע אַגענטן ביי די אידישע קראָמען, וואָס לאָזן דאָרט קיינעם ניט אריינגיין קויפן. אידן טאָרן ניט פאַרנעמען קיין רעגירונגס שטעלעס. זיי קאָנען אויך ניט זיין באַשעפטיקט אין פּראָפעסיעס, זיי טאָרן ניט זיין קיין דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, א. ז. וו.

א סך מענטשן, אידן און ניט אידן דענקען, אַז היטלערן דאַרף מען באַקעמפן מיט אַ באָיקאָט, אַז נאָר דורכן באָיקאָט קאָן מען ברעכן זיין מאַכט. טייל אָבער גלויבן אַז כדי צו ראַטעווען די אידן דאַרף מען זיי אַרויספירן פון דייטשלאַנד און ברענגן קיין פּאַלעסטינע מיט דער הילף פון דעם טראַספער־אָפּמאַך.

איך גלויב, אַז דער אָפּמאַך צווישן דער „העברה" און היטלערן איז אַ גרויסע שטערונג צום באָיקאָט. דער באָיקאָט ווערט ניט נאָר אָנ־געפירט פון די אידן, נאָר אויך פון ראַדיקאַלע און ליבעראַלע מענטשן אין דער גאַנצער וועלט. דער באָיקאָט ווערט געשטיצט פון דעם סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, דער טרייד־יוניאָן אינטערנאַציאָנאַל, און אַנדערע ראַדיקאַלע פּאַרטייען. דורך דעם טראַספער אָפּמאַך העלפט מען היטלערן פאַרשטאַרקן זיין מאַכט און די ראַדיקאַלע אַרבעטער ווילן ברעכן זיין מאַכט.

דער טרענספער־אָפּמאַך שטערט דעם באָיקאָט דורך דעם, וואָס די דייטשע אידן פאַרקויפן דייטשע סחורה אין פּאַלעסטינע, און אין די אַרומיקע לענדער. דער באָיקאָט ווערט אָנגעפירט פון די ראַדיקאַלע אַרבעטער, אידן, און די מערסטע לענדער פון דער וועלט כדי אַראָפּצו־

ווארפן דעם היטלער רעזשים. דורכדעם וואָס מען וועט ניט קויפן קיין דייטשע פּראָדוקטען, וועלן די אינדוסטריע און האַנדל אין דייטשלאַנד זיך אָפּשטעלן. היטלער האָט צוגעזאָגט די דייטשן אַז מיט דעם וואָס מען וועט די אידן פּאַרניכטן און צונעמען זייערע שטעלעס וועט דייטשלאַנד ווערן אַ לאַנד פון פּראָספּעריטי.

דער באיקאָט, אויב ער וועט אָנהאַלטן, וועלן די מאַסן אין דייטשלאַנד איינזען, אַז היטלער'ס צוגעזאָגטע גליקן זיינען געווען פאַלשע. זיי וועלן איינזען, אַז די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט פּראָטעסטירט קעגן היטלערס ברוטאַלע האַנדלונג קעגן אידן, סאָציאַליסטן און פּראָטעסטאַנטן.

דער באיקאָט קאָן אי ראַטעווען די אידן, אי ברעכן דעם היטלער רעזשים. דער באיקאָט האָט שוין אַזוי געווירקט, אַז דער דייטשער עקספּאָרט איז געפאַלן מער ווי אַ העלפט. עס פעלט אוים שפּייז אין לאַנד. אַ סך דייטשן לײדן הונגער און נויט. היטלער פירט איין די צוואַנג - דינסט - אַרבעט. און ער צאָלט די אַרבעטער אַ הונגער לוין פאַר זייער אַרבעט.

אויב די ציוניסטן וועלן אָנהאַלטן דעם טראַנספער-אָפּמאַך, וועלן די אַנדערע מענטשן, וואָס באיקאָטירן היטלערן קוקן אויף די אידן אַלס פאַררעטער, ווייל די אידן זיינען דאָך געווען די ערשטע וואָס האָבן געפּאָדערט דעם באיקאָט און איצט שטערן זיי אים. און פּונקט אַזוי ווי אַ סקעב העלפט אַ באַלעבאָס אין קאַמף קעגן די סטרייקער, אַזוי העלפן די ציוניסטן מיט דעם טראַנספער-אָפּמאַך היטלערן אין קאַמף קעגן באיקאָט.

די וואָס פאַרטיידיקן דעם טראַספער-אָפּמאַך זאָגן, אַז די אידן פאַרקויפן דייטשע סחורה בלויז אין פּאַלעסטינע, דאָס איז ניט אינגאַנצן ריכטיק, ווייל אויב די אידן קריגן ניט קיין גוטן פּרייז אין פּאַלעסטינע פאַרקויפן זיי די וואָרע אין אַנדערע לענדער. ווער קאָן זיי שטערן אין דעם? הייסט האַנדלען מיט דייטשע סחורה ניט ברעכן דעם באיקאָט?

אויסער דעם קאָן דער טראַספער-אָפּמאַך ניט ראַטעווען אַלע אידן אין דייטשלאַנד. דער טראַנספער-אָפּמאַך העלפט בלויז די רייכע אידן, וואָס האָבן אַ סך געלט. וואָס וועלן טאָן די טויזנטער אידן, וואָס האָבן ניט קיין געלט און מוזן בלייבן אין דייטשלאַנד?

די רייכע אידן קאָנען זאָרגן פאַר זיך אַליין. מען דאַרף זאָרגן פאַר אַלע אידן! דער באיקאָט איז אַ בעסערער מיטל ווי דער טראַנספער-אָפּמאַך, ווייל דער טראַנספער קאָן בלויז ראַטעווען די רייכע אידן און דער באיקאָט קאָן ראַטעווען אַלע אידן.

דער באיקאָט קאָן אויך באַפרייען דאָס דייטשע פאָלק, וואָס איז פאַרשקלאַפט אונטער היטלערס טעראָר רעזשים.

דורך דעם טראַנספער-אָפּמאַך געווינט היטלער ניט נאָר פינאַנציעל נאָר אויך מאָראַליש, ווייל דער טראַנספער-אָפּמאַך ברעכט דעם גאַנצן פּאַראייניקטן פראָנט באיקאָט. אַנדערע מענטשן וואָס באיקאָטירן

נאַצי דייטשלאַנד וועלן זען, אַז די אידן ברעכן דעם באָיקאָט, וועלן זיי ביסלעכווייז אויך אים אויפגעבן.

אויב דער טראַנספער - אָפּמאַך וועט זיך אַרויסווייזן אַלס א דערפאָלג, וועלן די קליינע אַנטיסעמיטישע לענדער ווי פּוילן, ליטע, רומעניע, עסטרייך, אונגאַרן און אַנדערע נאָכטאָן היטלערן. זיי וועלן פּטור ווערן פון די אידן און קריגן נאָך געלט דערצו. דער באיקאָט קאָן ניט נאָך ברעכן דעם היטלער־רעזשים, נאָר אויך צווינגען די אַנדערע לענדער אויפצוהערן פייניקן די אידן.

איך האָף, אַז די אידן וועלן אָנגיין מיטן באיקאָט, ווייל דאָס איז דער איינציקער גוטער מיטל אין קאַמף קעגן היטלערן!

פּעסי בראָנשטיין

די אַביסינישע אידן

די אביסינישע אידן ווערן אָנגערופן פאַלאשן, פונם עטיאָפּישן וואָרט "פלש", וואָס מיינט אַרויסגעטריבענע. פון וואַנען זיי שטאַמען אָפּ איז ניט באַקאַנט. טייל געלערנטע גלויבן, אַז זיי קומען פון ארץ ישראל, און טייל דענקען, אַז זיי זיינען גאָרניט קיין אידן, נאָר זיי האָבן אָנגענומען דעם אידישן גלויבן. די פאַלאַשן אָבער טענה'ן, אַז זיי זיינען אידן. זייערע מנהגים זיינען די זעלבע ווי די, וואָס די אידן האָבן געהאַט מיט טויזנטער יאָרן צוריק. פון גלות־בבל, חנוכה, פורים און דעם תלמוד ווייסן זיי גאָרניט. דאָס באַווייזט, אַז אויב זיי זיינען יאָ אידן, זיינען זיי אַריבערגעקומען אין אביסיניע א לאַנגע צייט פאַרן גלות־בבל.

איצט וואוינען אין אביסיניע אַרום פופציק טויזנט אידן. זיי זיינען הויך, שטאַרק און זייער הויט האָט א טונקל, ברוינע קאָליר, זייערע האָר זיינען געקרייזלט.

די גייסטיקע פירער פון די פאַלאשן זיינען די כהנים, זיי זיינען אויך רבנים און שוחטים. די מיטגלידער פון דער אַסקעטישע סעקטע ווערן אויך פאַררעכנט אַלס רעליגיעזע פירער. זייער רעליגיע איז געבויט אויף משה'ס תורה. די פאַלאַשן ברענגען קרבנות. זיי מעגן שערן זייערע האָר, אָבער ראַזירן זייערע בערד טאָרן זיי ניט. די פאַ־לאַשן האַלטן שבת פאַר א הייליקן טאָג, אַזוי ווי די אידן אין די אַלטע צייטן. שבת טאָרן זיי ניט אַריבערגיין קיין טייך און זיי איז ניט דערלויבט צו צינדן קיין ליכט. די אביסינישע אידן היטן אָפּ די ימים־טובים, פּסח און שבועות. זיי פאַסטן יעדן צווייטן און פינפטן טאָג אין וואָך.

ווען א פאַלאַש שטאַרבט טרויערן זיינע קרובים א לאַנגע צייט. זיי שיטן אַש אויף זייערע קעפּ און מאַכן אַסך קולות און שרייען אוים

די מעלות פון דעם פארשטארבענעם. די נזירים זאגן תפילות, מען באוויינט דעם טויטן ארום זעקס אדער זיבן טעג. און מען ברענגט קרבנות ביים קבר. זיי גלויבן, אז דעם מענטשנס נשמה פליט ארויף צו אברהם אבינו.

די פאלאשן גלויבן אין משיח'ן — און האפן, אז עס וועט קומען א צייט, ווען זיי וועלן קאנען זיך אומקערן אין ירושלים.

די עטיאפישע אידן האלטן זיך אלס אן אפגעריסענעם טייל פון דער אידישער וועלט. זיי זיינען זייער איינזאם. א סך פון זיי זיינען דער'הרג'עט געווארן דורך די עטיאפיער, ווייל זיי האבן ניט געוואלט אננעמען דעם קריסטלאכן גלויבן. אבער א טייל פון זיי האבן זיך גע'שמדט.

די הויפט באשעפטיגונג פון די פאלאשן איז האנט ארבעט. זיי האבן א גרעסערע נייגונג צו האנט־ארבעט ווי די אביסיניער. די פא־לאשן פארנעמען זיך זעלטן מיט האנדל, נאר די עטלאכע, וואס זיינען יא סוחרים וואנדערן ארום צווישען די אנדערע שבטים.

זיי לעבן בשלום צווישן זיך און זעלטן קריגן זיי זיך ארום צווישן זיך. די פרוי פון דער פאמיליע האט די זעלבע רעכט, ווי איר מאן.

די אביסינישע אידן זיינען איינזאם און דערווייטערט פונם אידישן פאלק. אבער זיי האפן אין דער צוקונפט צו ווערן פאראייניקט מיט די אידן פון דער גאנצער וועלט.

כייקע פאקס

גראף פאטאצקי — דער גר צדק

אין ווילנע האט אין אכצנטן יארהונדערט געלעבט אן אלטער, מעכטיקער גראף יוזעף פאטאצקי. דער גראף האט געהאט דריי קינ־דער, צוויי טעכטער און א זון, טעאדאר. ער האט שטארק ליב געהאט זיין זון, ווייל ער איז געווען אן איידעלער און א קלוגער. ער האט זיך גוט געלערנט און האט געלייענט א סך ביכער. דער פאטער מיטן זון זיינען געווען זייער גוטע פריינט און האבן אלעמאל געפירט אינ־טערעסאנטע געשפרעכן.

פון אלע ביכער וואס טעאדאר האט געלייענט, האט צום שטארקסטן אים פאראינטערעסירט א בוך וועגן פאריז. נאכדעם ווי ער האט דאס בוך איבערגעלייענט, האט ער געוואלט פארן קיין פראנקרייך זיך באקאנען מיט דעם לעבן פון די פראנצויזן. דער אלטער גראף האט אים ניט געוואלט לאזן פארן, אבער זעענדיק, אז דער זון רייסט זיך אין פאריז האט ער צוגעשטימט אז ער זאל פארן אהין זיך לערנען וויסנשאפט און פילאזאפיע.

עטלעכע וואכן איידער דער יונגער גראף איז אפגעפארן קיין פאריז, האט ער זיך באפריינדעט מיט א שמידס א זון, זארעמבא, וואס האט געוואוינט ניט ווייט פון ווילנע. זארעמבא איז געווען זייער פייאיק און געלערנט, און די פריצים פון יענער געגנט האבן באשלאסן אים צו שיקן שטודירן אין פאריז.

דער אלטער גראף איז פון אנפאנג געווען קעגן דעם, אז זיין זון זאל זיך חברן מיט דעם ארימען שמידס זון, אבער דאך איז ער געווען צופרידן, וואס זיין זון וועט האבן מיט וועמען צו פארן דעם לאנגן וועג ביז פאריז.

אין א פאר מאנאטן ארום זיינען זיי אנגעקומען אין פאריז. נאענט צו דעם הויז וואו די צוויי יונגעלייט האבן זיך באזעצט, איז געווען א ווינקל-שענקל. וואס האט באלאנגט צו אן אלטן אידן. דער איד מיט זיין לערנען האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויף די חברים. זיי האבן זיך באקאנט מיט אים, און פון אים האבן זיי זיך דערוואוסט א סך אינטערעסאנטע זאכן וועגן דעם אידישן פאלק. דער יונגער גראף מיט זיין פריינט, זארעמבא האבן געבעטן דעם אלטן אידן, אז ער זאל מיט זיי לערנען די העברייאישע שפראך און די הייליקע ביכער. דער איד האט צוגעשטימט און די צוויי פריינט זיינען געבליבן וואוינען מיט דעם אידן. זיי האבן זיך דערוואוסט, אז זיין נאמען איז אברבנאל, אז ער שטאמט פון שפאניען, פונוואנען די אידן זיינען ארויסגעטריבן געווארן מיט צוויי הונדערט יאר צוריק.

ביידע חברים האבן זיך ערנסט גענומען שטודירן די העברייאישע ספרים, און זיינען אזוי פאראינטערעסירט געווארן, אז זיי האבן אינגאנצן פארגעסן זייערע פילאזאפישע ביכער, וואס זיי האבן געדארפט שטודירן אין אוניווערסיטעט. זיי האבן אנגעהויבן שטארק ליב האבן דאס אידישע פאלק.

די צוויי פריינט האבן באשלאסן צו ווערן אידן. ווען דער איד האט דאס דערהערט, איז ער פארציטערט געווארן און ער האט פרובירט אלע מיטלען אפצורעדן די יונגעלייט פון דעם שריט. ער האט זיי געזאגט, אז די אינקוויזיציע וועט זיי פאר'משפטן צום טויט, אבער זיי האבן דערקלערט, אז קיין זאך וועט זיי ניט אפהאלטן צו ווערן אידן.

דאן האט אברבנאל זיי געראטן צו פארן אין האלאנד, וואו ער איז געווען זיכער, אז מען וועט זיי ניט פארפאלגן. אין אמסטערדאם האט געוואוינט זיין פעטער, א רב. צו אים האט ער זיי געשיקט ער זאל זיי העלפן זיך מגייר זיין.

אברבנאל האט געהאט א שיינע טאכטער מיטן נאמען רחל. אז זי האט דערהערט אז פאטאצקי פארט אוועק, האט זי זיך שטארק צעוויינט, ווייל זי האט דעם איידעלן גראף ליב געהאט, און טעאדאר האט אויך ליב געהאט רחל'ען. אברבנאל האט צוגעזאגט טעאדארן, אז ווען ער וועט ווערן א איד, וועט ער אים געבן זיין טאכטער פאר א ווייב. אויפן וועג זארעמבא האט חרטה געקראגן אויף זיין באשלוס און זיך צוריקגעקערט קיין פאריז, אבער טעאדאר איז אוועק אין אמסטערדאם דורכיפרן זיין באשלוס צו ווערן א איד.

ווען טעאָדאָר איז אוועק צו דעם רב דן יוספן, אברבנאלס פעטער, און אים געזאָגט, אַז ער וויל ווערן אַ איד, האָט דער רב פּרובירט דער־קלערן ווי שווער עס וועט זיין פאר אים צו זיין אַ איד. אָבער אַז טעאָדאָר האָט אים געזאָגט, אַז קיין זאַך וועט אים נישט אָפּהאַלטן צו ווערן אַ איד, האָט ער אים צוגעזאָגט צו העלפן.

דער רב האָט געלאָזט וויסן אברבנאלן, אַז דער יונגער גראַף האָט זיך מגייר געווען, און באַלד איז אברבנאל געקומען צו פאָרן מיט רחל׳ן. די יונגע מענשן האָבן אינגיכן חתונה געהאַט.

גראַף טעאָדאָר פּאָטאָצקי איז איצט געוואָרן אברהם בן אברהם. אברהם האָט אינגיכן גענומען בענקען נאָך זיין געבורטס־לאַנד. אברהם און רחל זיינען אוועק אין אַ קליין שטעטל לעבן ווילנע, ער האָט ניט געוואָלט אַז מען זאָל וויסן אַז ער איז גראַף פּאָטאָצקי׳ס זון, האָט ער זיך געלאָזט וואַקסן אַ לאַנגע באָרד אַז קיינער זאָל אים ניט דערקענען. נאָך זייענדיק אין אַמסטערדאַם, האָט ער זיך אויסגעלערנט שוסטעריי, ער האָט דעריבער באַשלאָסן צו ווערן אַ שוסטער, כדי צו פאַרדינען אויף פּרנסה.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן זיך אַלע דערוואוסט, אַז ער איז אַ גר־צדק. אָבער אַז ער איז געווען דעם גראַפס זון, דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט.

עטלעכע יאָרן זיינען פאַרבייגעגאַנגען און אברהם האָט געלעבט גליקלאַך און רואיק אין דעם אידישן שטעטעל.

איינמאָל איז רחל שטאַרק קראַנק געוואָרן, דער גר איז געזעסן אין שול און געזאָגט תהלים. מיט אַמאָל האָט ער דערזען, ווי אַ אינגל האָט אַריינגעוואָרפן שטיינער אין שול. האָט ער דעם אינגל געבעטן, אַז ער זאָל דאָס ניט טאָן, האָט אָבער דאָס אינגל נישט געלייגט קיין אכט אויף זיינע ווערטער און דאָס ווידעראַמאָל געטאָן. דער גר איז אַרויס און האָט אים דערלאַנגט אַ פּאָר גוטע פּעטש.

דאָס אינגל איז אַ פּאַרוויינטער אַהיימגעגאַנגען און דערציילט זיין פאָטער אַז דער גר האָט אים געשלאָגן. זיין פאָטער איז געוואָרן שטאַרק אין כעס און איז אוועק צום פּריץ פון שטעטל און אים דערציילט אַז אברהם איז נישט קיין איד. דער איד האָט נאָך געקראָגן אַ באַלוינונג פון פּריץ, הונדערט זילבערנע גילדן.

צומאָרגנס זיינען געקומען פיר פּויערן מיטן פּריץ. און דער פּריץ האָט באַפוילן די פּויערן, אַז זיי זאָלן אברהם׳ן שמידן אין קייטן, און אים אוועקפירן אין דער ווילנער תפיסה.

דער גר־צדק איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ פינסטערן און קאַלטן קאַמער. באַלד האָט די קאַטוילישע קירכע פאַרפירט אַ געריכט איבערן גר. דער אַלטער גראַף יוזעף פּאָטאָצקי, האָט זיך אויך גע־נומען פאַראינטערעסירן מיטן פּראָצעס. ער האָט ניט געוואוסט, אַז דער גר איז זיין אייגענער זון. ער האָט געגלויבט אַז זיין זון איז טויט.

ווען דער בישאָף האָט אים געזאָגט "אויב דו וועסט זיך מודה זיין, וועט דיין שטראָף זיין אַ קלענערע", האָט דער גר געענטפערט, "איך בין אַ איד און מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן".

דער אַלטער האָט זיך גוט צוגעהערט צו די ווערטער, די שטים איז אים געווען באַקאַנט, און ער האָט דעם גר געפרעגט: ״קענסטו אונדז באַווייזן, אַז דו ביסט אַ איד?״

״איך שווער אַז איך בין אַ איד״, האָט דער גר אויסגעשריען. דער אַלטער גראַף האָט פּלוצלונג אויסגעשריען, איך פאַרלאַנג, אַז מען זאָל די באָרד דעם מענטשן אָפּשערן. דעמאָלט וועט אייך אַלץ קלאָר ווערן״.

מען האָט זיין פאַרלאַנג, נאָכגעגעבן. צוויי תּפיסה וועכטער האָבן דעם גר געהאַלטן ביי די הענט, און דער פּריזירער האָט איהם אָפּגעגאָלט זיין באָרד. דער אַלטער גראַף האָט דערקאָנט דעם אָפּגעשווירענעם פּנים, און האָט אויסגעשריען: ״איצט דערקאָן איך דיך, טעאָדאָר״.

דער גראַף האָט זיך דאַן אָפּגערופן: ״מיין זון, איך וועל דיר אַלץ מוחל זיין, אָבער ווער צוריק אַ גלויביקער קריסט״.

ער האָט פּרובירט מיט אַלע מיטלען אים איבעררעדן אַז ער זאָל צוריק ווערן אַ קריסט, אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. ער האָט געזאָגט: ״פאָטער, איך בין אַ איד און קיין שטראָף וועט מיך ניט איבערשרעקן. זיי מיר מוחל וואָס כ׳האָב דיר פאָטער פאַרשאַפט אַזוי פיל צרות״.

״שמידט אים אין קייטן, כאָטש ער איז מיין זון, וויל איך אויף אים קיין רחמנות ניט האָבן״, — האָט דער אַלטער גראַף געזאָגט.

מען האָט אים איבערגעגעבן דער אינקוויזיציע, וועלכער האָט אים פאַר׳משפּט צום טויט.

אין מאַי, 1729, איז דער גר־צדק, אברהם בן אברהם, פאַרברענט געוואָרן.

קראַפּאָרד שול

עטל בערנשטיין

דעכער

איך ווייס ניט ווי אזוי דאָס האָט פּאסירט, אָבער עס איז געשען: איך האָב מיך אוועקגעזעצט ביים פענצטער אפן העכסטן שטאָק און אָפּגעזעסן א גאנץ היבשע צייט ביים פענצטער און געקוקט...

פון דאַנען, פון העכסטן שטאָק זעט מען ווייט. אָט איז א קלויסטער דאַך, ער שפּיצט זיך אין הימל אריין, אָבער די הויכע קוימענס פון דער פאבריק, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון דאָרט שטייגן אים איבער, זיינען העכער פון קלויסטער.

אנטקעגנאיבער שטייט א גרויסע טענעמענט הויז און באַלד נאָך דער הויז זעט זיך שוין א ליידיקער פּלאַץ אונטער א האלב בלויען, האלב גרויען הימל. פון יענער זייט ליידיקן פּלאַץ ווידער הייזער. גרעסערע, קלענערע הייזער. צווישן זיי ציען זיך ארויף איבער די קליינע דעכער צווייגן, נאקעטע צווייגן פוןביימער, וואָס רייסן זיך, ווי זיי וואָלטן וועלן זיך ארויסדראפּן פון צווישן יענע הייזקלאַד און זוכן אביסל לופט, אביסל קלאָרע לופט.

אָבער די ביימער זענען ניט די איינציקע וואָס זוכן ריינע לופט און געפינען ניט, אָט דאָ אונטער דעם הויז וואו איך קוק ארויס פון פענצטער, שטייט אויך א קלענערע הויז מיט א צעבראָכענעם דאַך טראָגט זיך פון דאָרט א שטימע, הויך ווי דער בוים, דאָס איז די שטימע פון א יונגן בחור. ער לערנט אפן קול, ער לערנט מיט טעמפּעראמענט און ער זוכט, ער נישטערט דאָרט אין זיין למוד און ער געפינט ניט, אָבער ער וועט ניט אויפהערן זוכן, ער איז יונג, פריש פול מיט אמביציע, רייסט ער זיך צו די הימלען ווי א שטאַרקער בוים.

אין דעם זעלבן הויז זיצט אן אלטיטשקער. אויך ער לערנט, אָבער אין זיין שטימע איז שוין ניטאָ קיין שטאַרקייט, זיינע אויגן זיינען אויסגעלאָשן, ער איז שוין האָפענונגסלאָז, ער האָט געזוכט און געזוכט און גאָר ניט געפונען.

אביסל ווייטער שטייט דער שפּיטאָל פון דאָרט טראָגט זיך א ריח פון מעדיצין, אָפּטמאָל דערטראָגט זיך א קרעכץ, אן אויסגעשריי וואָס לעכערט דורך די אויערן און מאכט שטאַרקער קלאַפּן דאָס הארץ. די ווייסקייט פון די ווענט מאכן דאָס הויז אויסזען ווי א לעבעדיקער טויטן־הויז — דער שפּיטאָל.

ניט ווייט פון דאָרט א קינדער־"שפּיל פּלאַץ". קינדער לויפן אום, קוויטשן, לאכן, זייער דאך איז דער הוילער הימל, די זון לאָזט ארונטער אויף זיי אירע ווארעמע שטראַלן און דערמינטערט זיי מאַכט זיי פריילאך...

און ווייטער דאָרט שטייט א גרויסע הויז — מיט גראַטעס ארום די פענסטער. באנקירן זיצן און דורך זייערע פינגער גיסט זיך געלט פון מענטשן, וואָס קערן זיך מיט זיי, מיט די באנקירן גאָר ניט אָן. זיי, די פעטע אָנגעגעסענע באנקירן הערשן איבער דער גאנצער וועלט. מענטשן האָבן מיטן שוויים און בלוט געארבעט פאר דעם געלט . . .

בלוט, געלט, באנקירן... אונטען פון א הויז מיט גראטעס אף די פענצטער.

דארטן ווייטער זיצט א מאמע איבער א קראנקן קינד — קיין געלט צו רופן א דאקטאר האט זי ניט. רייסט זי די אויגן צום הימל — א פארצווייפעלטע בעט זי און וויינט... א רפואה פאר איר קינד. איר ארימע הייזקע איז אלט און צעבראכן דער דאך האלט זיך קוים און זי זיצט און ברעכט די הענט...

און די קליינע הייזקעלאך זיינען אזוי פיל, אלע זייערע דעכער דעקן צו, באהאלטן הינטער זיך אזוי פיל צרות אבער זיי זיינען שטום, זיי זאגן ניט אויס.

וואלטן זיי געקענט רעדן!

דעכער, וואס באהאלט איר? וואס גייט אן דארט הינטער אייך, וואס פארדעקט איר?

דעכער ענטפערן ניט.

שטומע ארעמע דעכער, באהאלטן שטילע ארעמע מענטשן־דעכער ! . . .

אט אזוי האב איך זיך פארקוקט פלוצלונג דורכן פענצטער, נאך דעם ווי מיר האבן געלייענט פרץ'ס מעשה'לאך און אייניקע פון ז. שניאור . . .

שרה סימקין

מוטער דזשאָנס

די איינציקע פרוי וועלכע האט די גרעסטע פארדינסטן פאר דער ראדיקאלער באוועגונג ביי אונדז אין לאנד, איז מוטער דזשאָנס.

ווען מען לייענט וועגן איר העלדישן קאמף קעגן קינדער־ארבעט, ווערט מען פארכאפט פון דעם קוואל פון מוט און ענערגיע, וואס די פרוי האט ארויסגעצייגט אין אירע ארבעטן אויף דעם געביט. עס ווערט פריילאך אפן הארצן ווען מען באקענט זיך מיט איר העלדישער פירערשאפט אין טעקסטיל סטרייק פון 1903.

ווען אין 1903 זיינען די טעקסטיל ארבעטער ארויס אין סטרייק, האט מוטער דזשאָנס דאן גענומען אויף זיך בלויז איין פאזע פון דעם סטרייק. זי האט גענומען אויף זיך צו העלפן דעם סטרייק דערמיט, וואס זי וועט ברענגען צו דער עפענטלאכער וועלט דעם צושטאנד פון די קינדער ארבעטער אין די טעקסטיל פאבריקן.

אין יענעם סטרייק פון 1903 זיינען אויך ארויס ארום צען טויזנט קינדער פון די שעפער. די קינדער האבן אויסגעקוקט ווי צע־בראכענע שארבנס. מענטשעלאך "ערשט פון דער נאדל ארויס" יונגע, זעקס, אכט און ניין יאריקע קינדער מיט אויסגעקרומטע רוקנס פון דער ארבעט, מיט צעבראכענע הענט און פיס, מיט אויסגעבראַ־כענע פינגער — א שוידער האט ארומגעכאפט די נאבעלע מוטער דזשאנס, ווען זי האט די צעטראטענע יונגע קינדער דערזען. זי האט באשלאסן צו מאכן א סוף דערצו. אבער ניט אזוי לייכט קען מען אזעלכע זאכן דורכפירן.

זי האָט זיך ערשט געווענדעט צו אירע באַקאַנטע צייטונגס מענטשן. זי האָט זיי געפרעגט פאַר וואָס זיי פאַרשווייגן דעם גרויסן פאַרברעכן, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן די קינדער. זי האָט געפאָדערט פון זיי, אַז זיי זאָלן זיך מער באַקענען מיט דער לאַגע. די יונגע קינדער זיינען דער פונדאַמענט פון גאַנצן פאָלק" האָט זי געטענה'עט. ווען מען לאָזן די לאַגע אַזוי ווייטער אָנגיין, וועט דער צווייטער אַמעריקאַנער דור זיין אַ דור פון קריפּלס, קאַליקעס, וואָס וועלן פון קיין לעבן ניט וויסן.

זייערע אויערן האָבן אָבער אויסגעקוקט צו זיין טויב צו איר געבעט און צו אירע אַרגומענטן. די באַלעבאַטים פון די טעקסטיל פאַבריקן זיינען געווען אַקציאָנערן "שערהאָלדערס" אין די צייטונגען און דערפאַר האָט קיין צייטונגס שרייבער ניט געוואַגט צו קומען מיט די אמת'ע פאַקטן צו דער עפנטלעכקייט.

אָבער מוטער דזשאָנס האָט דאָך געפירט דעם קאַמף בראַוו און מוטיק. זי האָט צוזאַמענגעקליבן אַ סך אינגלאַך, און מיידלאַך האָט זיי אַרויסגעשטעלט אויף אַ פּלאַטפאָרמע אויף דער גאַס און געצייגט דער וועלט, ווי אַזוי מען פאַרקריפּלט דעם יונגן דור אין די טעקסטיל פאַבריקן. זי האָט געבראַכט די קינדער צום "סיטי האָל", געמאַכט אַרום דער געביידע אַן אויסשטעלונג פון די צעקריפּעלטע יונגע קינדער און געפרעגט ביים עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום, פאַרוואָס זיי דערלאָזן אַזעלכע פאַרברעכנס זאָלן באַגאַנגען ווערן קעגן יונגע קינדער.

די שטאָט באַאַמטע האָבן צוגעמאַכט די פענצטער פון סיטי האָל און ניט געוואָלט הערן אירע גערעכטע טענות.

שפּעטער האָט זי גענומען די קינדער אויף אַ טור איבער שטעט און שטעטלאַך. גראַד איז אין יענער צייט געווען אַ גרויסער יום טוב אין לאַנד און מען האָט איבער אַמעריקאַ אַרומגעפירט דעם "פרייהייטס גלאָק", וועלכער האָט געקלונגען דעם יום טוב פון אַמעריקאַנער באַפרייאונג פון ענגלישן יאָך. מוטער דזשאָנס האָט געפירט די יונגע קינדער איבער די שטעט כדי מען זאָל זעען דעם אמת וועגן דער אַמעריקאַנער פרייהייט.

יונגע קינדער האָבן געקענט אין זייערע פריע יאָרן פאַרקריפּלט ווערן און קיינער האָט די באַלעבאַטים ניט געשטערט אין אָט דער פרייהייט.

דער "טור" איז געווען אַ דערפאָלג. די מענטשן האָבן דערפילט די גרויסע שאַנדע פון דער פרייער אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַטיע. פרויען האָבן אין די שטעט באַגעגנט די קינדער מיט גוטע מאָלצייטן און יעדע פרוי האָט גענומען צו זיך אהיים אַ קינד צו שלאָפן.

ניט אין אַלע שטעט האָט דזשאָנס מיט די קינדער געהאַט אַ גוטע אויפנאַמע. אין מאַנכע שטעט האָט מען זיי גאָר ניט געוואָלט אַריינלאָזן.

אין אַנדערע שטעט האָט מען געפּרוּווט זיי ניט אַריינלאָזן. אַזוי איז געווען ווען זי איז געקומען אין האָבאָקען ניו דזשוירזי. פּאָליציי

האָט זי באַגעגנט אויסרן שטאָט און געבעטן זי זאָל זיך מיט דער חברה יונגע צעקריפּלטע ארבעטער ניט אָפּשטעלן.

אָבער מוטער דזשאָנס האָט מיט אירע קלוגע רייד געווירקט אפילו אויף פּאָליציי לייט. זי האָט זיי איינגעלאַדן צו עסן א מאָלצייט צוזאַמען מיט דער חברה פאר וועמען מען האָט אין א וואַשטאָפּ געהאט צוגעגרייט א גרויסע וועטשערע.

שפּעטער איז מוטער דזשאָנס מיט דער חברה אריין קיין האָ־באָקען. יעדעס קינד האָט געטראָגן א זעקל אין וועלכן עס איז געלעגן א מעסער, א גאָפּל, א בלעכענער טעלער און א קאווע טעפּל מיט אנדער קלייניקייטן.

די קינדער האָבן אויך געטראָגן פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן: "מיר ווילן זיין מער אין סקול און ווייניקער אין האָספּיטאַל", "מיר זיינען נאָך יונג מיר ווילן זיך שפּילן אבּיסל". "אלע שרייען אז עס איז פּראָספּעריטי אין לאַנד, וואו איז אונזער פּראָספּעריטי?"

מיט די פּאַנען האָט מוטער דזשאָנס געפירט איר יונגוואַרג קיין פילאַדעלפיא און שפּעטער ווייטער צו פּרעזידענט טעאָדאָר רוזוועלט. זי האָט פאַרלאַנגט א געזעץ וואָס זאָל פאַרהיטן אַזעלכע יונגע קינדער פון אַרבעט.

מוטער דזשאָנס האָט אויך געדאַרפט פיל קעמפן אפילו אין די גרעסערע שטעט איידער מען האָט איר דערלויבט צו מאַרשירן מיט איר חברה יונגע סטרייקערס איבער די גאַסן.

קיין נויאָרק האָט זי נאָך פון האָבאָקען געשיקט פאַרטרעטער צום פּאָליציי קאָמיסאַר, אז ער זאָל איר דערלויבן צו מאַרשירן מיט די קינדער איבער די גאַסן, אָבער ער האָט איר אַנטזאָגט און זי האָט שטאַרק געקעמפט איידער זי האָט די דערלויבעניש שפּעטער געקראָגן פון דעם מעיאָר פון נויאָרק.

די קינדער האָבן מיט זייער טור אויפגערודערט די שטעט און דאָס גאַנצע לאַנד האָט דערזען די גרויסע אומרעכט וואָס ווערט באַ־גאַנגען ווען מען לאָזט יונגע קינדער אַזוי שווער אַרבעטן.

שפּעטער איז טאַקע דורכגעפירט געוואָרן א געזעץ אז קינדער פאַר 16 יאָר טאָרן ניט אַרבעטן.

דאָס איז א דאַנק דער וואונדערבארער אַרבעט פון דער ליכטיקער מוטער דזשאָנס, וועמען די יוגנט פון אַמעריקע וועט אייביק געדיינקען.

בערל קיי

אריבער די גרעניץ

משה און שלמה זיינען געווען עלנדע צוויי ברידערלאַך ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. זייער מוטער איז מיט א צייט פריער גע־פאָרן קיין עסטרייך צו א שוועסטער און מיטגענומען דאָס קליינע שוועסטערל זייערס.

ווען די מלחמה האָט אויסגעבראָכן האָט די מוטער ניט געקענט צוריק קומען. די גרעניצן זיינען געוואָרן פאַרשפּאַרט און משה דער

עלטערער ברודער, וועלכער איז שוין געווען 14 יאָר אַלט האָט ניט געקענט איינשטילן דעם יונגערן ברודערל, שלמה׳ן, וועלכער איז בלויז געווען ניין יאָר אַלט.

שטענדיק האָט ער געוויינט, דער קלענערער, ער וויל צו דער מאַמען. זייער פאָטער איז שוין געשטאָרבן פון לאַנג און דער עלטערער ברודער האָט געהאַלטן אין איין איינרעדן שלמה׳ן, אַז די מאַמע וועט באַלד קומען, אַזוי שנעל ווי מען וועט עפענען די גרעניצן.

שלמה האָט זיך אָבער ניט געקענט דערוואַרטן ביז מען וועט עפענען די גרעניצן און אַלץ געפאָדערט ער וויל גיין צו זיין מאַמען. אויב זי קומט ניט צוריק וועט ער גיין צו איר.

משה האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס עס מיינט א גרעניץ, ער האָט שוין אפילו געוואוסט וואָס עס הייסט גנב׳ענען די גרעניץ, מיט וויפיל געפאַרן דאָס איז פאַרבונדן, אָבער ער האָט שלמהן ניט געקענט דערקלערן וועגן דעם, שלמה איז נאָך צו יונג געווען צו פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן.

אָבער איינמאָל אין אַן אָוונט איז דאָס געווען, כאַפּט ער זיך אויף פון שלאָף און נעמט זיך אַנטאָן.

וואוהין גייסטו פרעגט משה.

איך גיי אוועק צו מיין מאַמען. איך וויל דאָ מער ניט זיין. משה פּרוּווט אים דערקלערן, וואָס עס מיינט גיין צו דער מאַמען. ער דערציילט אים וואָס עס הייסט א גרעניץ, ווי סאָלדאַטן שטייען מיט ביקסן און באוואַכן די גרעניץ, טאָמער לאָזט זיך עמיצער אריבער די גרעניץ אַליין אָן א דערלויבניש שיסן די סאָלדאַטן אויף אים.

עס האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן.

אין די פינצטערע שאָטנס פון דער נאַכט זיינען די צוויי אינגלאַך שטילערהייד צוגעקראָכן צום ברעג פון א טיפן גרוב פול מיט וואַסער — די גרעניץ.

שטילערהייט האָבן זיי זיך געשלייכט און פּאַמעלאַך אַזוי אַז קיינער זאָל ניט הערן האָבן זיי זיך פון ברעג געלאָזט שטילערהייט שווימען, ווען זיי זיינען שוין אָפּגעשווימען פון דער רוסישער זייט האָט אַ שטראָל ליכט פון וויטנס א שיין געטאָן אויף זיי.

די שטילקייט פון דער נאַכט איז איבערגעריסן געוואָרן פון א שטאַרקן קנאַל. עס האָבן זיך דערהערט אויסגעשרייען, א שאַלן פון א טרובע און עס האָט זיך אָנגעהויבן א שיסעריי. מיטאַמאָל האָט משה דערפילט א שאַרף ברענענדיקן ווייטיק אין זיין רעכטער האַנט.

אין א קליין שטיבעלע ניט ווייט פון דער גרעניץ אין א טונקעלן צימער איז נאָך די זעלבע נאַכט געלעגן אין בעט דער קליינער אינגל און געשלאָפן, ווען דער עלטערער ברודער זיינער האָט דערציילט זיין מאַמען און איר שוועסטער וועגן דעם ווי זיי האָבן גע׳גנב׳עט די גרעניץ.

די מאַמע האָט די פאַרבונדענע האַנט פון עלטערן זון געהאַלטן און מיט טרערן אין די אויגן געפרעגט: "ווער זאָגט עס אַז מאַמעס קענען זיך מקריב זיין פאַר קינדער?"

נחמה יאַנאָווער

געבראָכן די דיסציפּלין

לעצטן זומער בין איך געווען אין אַרבעטער רינג קעמפּ "קינ־דערלאַנד". דעם גאַנצן זומער האָב איך הנאה געהאַט פֿון לעבן דאָרטן.

כאָטש אין קעמפּ איז דאָך פֿאַראַן אַ דיסציפּלין. דאָס מעג מען יאָ און דאָס טאָר מען ניט טאָן. אַ געוויסע צייט מוז מען גיין שלאָפֿן. מען מוז אויך אין צייט גיין עסן. אַזוי זיינען פֿאַראַן אַ סך זאַכן מיט אַ מוז און מעג מען זיין ווי ווייט פֿון צו טאָן די זאַכן, אָבער אַז מען מוז — מוז מען.

איך בין ניט געוואוינט צו אַזאַ שטרייַנגער דיסציפּלין און עס האָט מיר מאַנכעס מאָל פֿאַרדראָסן אויף דעם מוז. אָבער איך קען ניט זאָגן אַז דער פֿאַרדרוס האָט אָנגעהאַלטן לאַנג. עס איז געווען צו גוט צו לעבן דאָרטן, אַז מען זאָל אין זינען האָבן דעם פֿאַרדרוס.

אַזוי איז געווען מיט מיר און אַזוי אויך מיט מיינע חבר'טעס אַפֿן קעמפּ. אַלע זיינען געווען צופֿרידן און גליקלאַך כאָטש עס איז געווען אַ שטרייַנגע דיסציפּלין. מיר האָבן פֿאַרגעסן זיך צו קלאָגן אויף דעם "מוז", ווייל עס איז געווען צו גוט די גאַנצע צייט. אַזוי איז דאָס געווען ביז דעם לעצטן שבת, איידער דער קעמפּ האָט זיך גע־שלאָסן.

יענעם שבת האָבן מיר עטלאַכע קינדער באַשלאָסן צו פֿאַרגעסן אין דעם "מוז", מיר האָבן געדענקט אַז דעם לעצטן טאָג פֿון וואַקאַציע אין קעמפּ מעג מען זיך דערלויבן צו פֿאַרגעסן אין דער דיסציפּלין. מיר האָבן יענעם אָוונט געגעבן אַ קאָנצערט. דער עולם איז געווען פֿריילאַך, האָבן מיר עטלאַכע קינדער פֿאַרריסן די קעפּלאַך און זיך אָנגענומען מיט מוט.

אַנשטאַט צו גיין שלאָפֿן, ווייל די צייט איז שוין געווען שפּעט און מיר האָבן געמוזט גיין שלאָפֿן, האָבן מיר זיך אַריינגעכאַפּט אין די קעבינס ווי גוטע דיסציפּלינירטע קינדער, אָבער אַזוי שנעל ווי מיר האָבן באַמערקט, אַז די דירעקטאָרן אונזערע זיינען אַוועק האָבן מיר זיך אַרויסגעכאַפּט פֿון די בעטן, אָנטאָן זיך האָבן מיר פֿאַרשפּאָרט, ווייל מיר האָבן זיך ניט אויסגעטאָן.

שטילערהייט האָבן מיר אַוועקגעשפּאַצירט צו דער קראָם און איינגעקויפֿט נאַשערייען און מיר האָבן זיך פֿאַרבראַכט און גאַנץ שטאַרק צופֿרידן געווען פֿון דעם געדאַנק וואָס מיר זיינען ניט אין די קעבינס. מיר האָבן אָבער באַלד אַלע דערפֿילט שלעפֿעריק און גע־וואָלט צוריקגיין שלאָפֿן, אָבער קיינער האָט ניט געוואָלט זאָגן אַז מיר זאָלן גיין אין די קעבינס, עס האָט אויסגעקוקט אַ ביסל צו פֿאַכדאָניש צו גיין צוריק אין די קעבינס, זענען מיר גאָר אַוועק צום לייק און עס איז געווען אַזוי רואיק און אַזוי אָנגענעם אין דער פֿינסטערניש.

מיר האָבן זיך פֿאַרטיפֿט אין אונזערע געדאַנקען און אָנגעהויבן זוכן ווערטער ווי אָנצוהויבן אַ געשפּרעך, אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ געשריי: "העי, קאַם אַפּ קידס"! — געכאַפּט ביי אַ דיס־ציפּלין ברוך, מיר זיינען פֿאַרלאָרן!

פאַר וואַכנלאַנג האָב איך זיך אומגעטראָגן מיט א פאַרדרוס: פאַרוואָס האָבן מיר די לעצטע מינוט קאַליע געמאַכט אזא שיינעם לאַנגען זומער אָפּרו.

איך מיין, אז מיר אַלע האָבן געהאַט א גוטע לעקציע און וועלן שוין מער קיין זאַך ניט טאָן ביז מיר וועלן ניט איבערטראַכטן צען מאָל, וואָס די רעזולטאַטן קענען זיין, איידער מיר וועלן ברעכן די דיסציפּלין.

מרים געלבאַרד

די היימאַרקעט טראַגעדיע

אין 1886 איז דאָס געווען. צוועלף הונדערט לעדער אַרבעטער פון מעקאָרמיקס פאַבריק אין שיקאַגאָ, זיינען אַרויס אין סטרייק. עס איז געווען אָנהויב פרילינג ווען דער סטרייק האָט זיך צעוואַקסן און אָנגעהויבן צו ווערן דער געשפּרעך פון טאָג. טויזנטער מענטשן האָבן זיך באַקענט מיט דער שוידערלאַכער לאַגע פון די שווערע לעדער אַרבעטער.

דעם ערשטן מאַי פון זעלבן יאָר האָבן די אַרבעטער אָפּגעהאַלטן זייער מאַי יום טוב און געפאָדערט אַן אַכט שטונדיקן אַרבעט טאָג. די צאָל סטרייקער האָבן יעדן טאָג זיך פאַרגרעסערט אַזוי, אַז ווען דעם דריטן מאַי איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן א מאַסן פאַרזאַמלונג אויף דער גאַס, ניט ווייט פון מעקאָרמיקס פאַבריק האָבן זיך צוזאַמענגע־קליבן דאָרטן אַרום 50 טויזנט מענטשן.

מיטאַמאָל האָבן זיך באַוויזן א גרויסע מאַכנע פּאָליציי לייט און דעטעקטיוום. זיי זיינען באַפאַלן די פרידלאַכע אַרבעטער און גענומען שלאָגן, האַרגענען, אויף רעכטס און אויף לינקס, קיין רחמנות ניט געהאַט אפילו אויף פרויען און קינדער וואָס זיינען אַרום נייגער גע־קומען הערן וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

זעקס סטרייקער זיינען אויף טויט דער׳הרגט געוואָרן און א גרויסע צאָל זיינען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן.

דאָס האָט שטאַרק אויפגערודערט די גאַנצע שטאָט און אויף מאָרגן, דעם 4טן מאַי איז נאָך א גרעסערע פאַרזאַמלונג פאַררופן געוואָרן.

דאָס איז געווען א פּראָטעסט מיטינג אויף דעם ״היי־מאַרקעט״ אויסצודריקן דעם פאַרדרוס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג קעגן די ברוטאַלע האַנדלונגען פון דער פּאָליציי און דעטעקטיוום.

די זייער גרויסע פּראָטעסט פאַרזאַמלונג איז געווען באַזוכט ניט נאָר פון אַרבעטער, נאָר אויך פון א גרויסער צאָל זייטיקע מענטשן. עס איז דאָרט אויך געווען דער דאַמאָלדיקער מעיאָר פון שטאָט און דער מיטינג איז געווען א רואיקער.

צום סוף פון מיטינג, ווען דער גרעסטער עולם איז שוין געהאַט זיך צעגאַנגען און עס זיינען בלויז געבליבן א דריי פיר הונדערט מענטשן. זיינען ווידער אָנגעקומען א מאַכנע פּאָליציי לייט און גע־נומען שלאָגן די פאַרזאַמעלטע.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קראַך פון אַ דינאַמיט באָמבע און אַ סך פּאָליציילייט זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן איינער איז באַלד געפאַלן טויט אויפן פּלאַץ און זעקס פּאָליסלייט זיינען שפּע־טער פון די וואונדען געשטאָרבן.

ניין ארבייטער פירער — אנארכיסטן — זיינען באַשולדיקט גע־וואָרן אין וואַרפן די באָמבע און מען האָט זיי פּראָצעסירט. אַן עדות האָט געשוואָרן אַז ער האָט געוואוסט, אַז די ארבעטער פירער האָבן באַשלאָסן צו וואַרפן אַ באָמבע אויף דעם היי־מארקעט־מיטינג. שפּעטער ווען מען האָט שוין די ארבעטער פירער אויפגעהאנגען, האָט מען אויסגעפונען, אַז דער עדות האָט געשוואָרן פאַלש.

אָבער די אויפגעהאַנגענע האָט מען שוין לעבעדיק ניט געקענט מאַכן.

אָט די גערעכטיקייט פון דער שיקאַגער פּאָליציי און שיקאַגער באַלעבאַטים איז באַקאַנט אין דער וועלט אונטערן נאָמען: די היי־מארקעט־טראַגעדיע.

פּערעלע טשעלמער

די מאַשין

די לעצטע פילם וואָס טשאַרלי טשאַפּלין האָט פּראָדוצירט, ״די מאָדערן טאַימס״, האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַלעמען.

מיר ווייסן דוכט זיך אַלע וויפיל די נייע מאַשין וואַרפט ארויס מענטשן פון דער ארבעט, אָבער אין זיין שווייגנדיקער פילם ברענגט טשאַפּלין ארויס די נאָך שווערערע מאָמענטן אין דעם פּראָגרעס פון דער מאַשין.

ער ציינט אונז ניט נאָר דאָס וואָס די מאַשין וואַרפט ארויס אַרבעטער פון זייער פאַך. נאָר נאָכמער, דער וואָס בלייבט ארבעטן ווערט אַ טייל פון דער מאַשין. ניט נאָר ווייל ער איז בא דער מאַשין, נאָר אפילו ווען דער ארבעטער איז שוין אוועק פון דער מאַשין, ער גייט אויפן גאָס, ער רעדט מיט מענטשן, מאַלט זיך אים אַלעמאָל אויס אַז ער מוז אַ דריי טאָן די שרויף און כאָטש ער האָט גאָרניט אין די הענט ווייזט זיך אים דאָך אויס, אַז ער האַלט זיין געצייג און ער בויגט זיך און דרייט זיך, גלייך ער וואָלט יאָ געשטאַנען בא דער מאַשין.

ספּעציעל זעט מען עס ווען טשאַרלי ציינט אויף זיין אייגענעם הומאָריסטישן שטייגער ווי אַזוי די מאַשין ווירקט אויף אים. ער דערזעט אַ פרוי וועלכע האָט גרעסערע קנעפּ אויף דעם מאַנטל לויפט ער צו איר מיטן שרויפנדרייער און וויל די ״קנעפּ שרויפן״ פאַר־דרייען. דער ארבעטער ווערט אַזוי באאיינפלוסט פון דער שנעלקייט פון דער מאַשין ארבעט, אַז ער האָט ניט מער די מעגלאַכקייט צו דענקן און זעען זאַכן ווי ער האָט זיי געזען פריער, ווען זאַכן זיינען געמאַכט געוואָרן ניט מיט אַזאַ מאַשין־שנעלקייט.

זיינען מיר געזעסן אין דער פינסטער געקוקט און באוואונדערט

די פילם און מיינע חברטעס האָבן דערנאָך געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דעם.

איינע פון מיינע חברטעס האָט גערעדט אַזוי פיל וועגן דעם אַז מען האָט שוין אפילו געלאַכט פון איר. האָט זי באַ מיר געפרעגט וואָס איך דענק וועגן דער פילם. איך האָב איר דערקלערט אַז פאַר מיר איז דאָס קיין נייעס ניט. זי האָט אָנגעהויבן קוקן אויף מיר עפּעס מיט אַ מין בליק פון אומצוטרוי. האָב איך דערקלערט:

איך לערן אין אַ אידישער שול. גיט מען אונדז אַרויס ביכעלאַך צום לייענען און נאָכער דאַרפן מיר אָפּגעבן באַריכטן איבער דעם וואָס מיר האָבן געלייענט.

איין ביכעלע אַזאַ וואָס איך האָב געלייענט האָט געטראָגן דעם נאָמען "די מאַשין". דאָרטן דערציילט דער שרייבער י. אָפּאַטאָשו, וועגן אַ שוך־פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט אַ צאָל אַרבעטער. און האָבן זיך אַזוי צוגעוואוינט צו זייער אַרבעט און צו זייערע קליינע פאַרדינסטן אַז זיי האָבן קיין אַנדערע זאַכן ניט געזוכט.

מיטאַמאָל ווערן זיי געוואויר, אַז אין פאַבריק אַריין וועט מען ברענגען אַ נייע מאַשין וואָס וועט טאָן די אַרבעט פון מענשלאַכע הענט, פיל שנעלער.

דער שרעק פון די אַרבעטער, וואָס האָבן דאָס דערהערט ווערט דאָרט אַזוי שטאַרק געמאָלן, אַז איך קען דאָס ניט פאַרגעסן. און איך האָב ניט געלייענט קיין שטאַרקערע זאַך אין קיינעם פון די ביכלאַך וואָס איך לייען פון "פּאַבליק סקול".

דערצו איז נאָך געווען אַ בילד אין אָנהויב פון דעם ביכל, אויף דער צווייטער אָדער דער דריטער זייט. דאָס איז געווען אַ פשוט'ע פאָטאָגראַפיע. אויף איר איז געווען אַ צילינדער מיט אַ גרויסער ראָד פון דער מאַשין און דער מענטש וואָס איז געשטאַנען באַ דער מאַשין, האָט אויסגעקוקט ווי אַ שרויף אין דער גרויסער מאַשין. אַזוי אַז טשאַרלי טשאַפּלין האָט מיר שוין קיין נייעס ניט אַנטדעקט מיט זיין "מאָדערנער צייט".

רייזעלע העלמאַן

אַרויס אין סטרייק

זיצן מיידלאַך אין שאַפּ און אַרבעטן שווער. דער שווייס גיסט זיך פון זייערע ברעמען. זיי האָבן שוין געאַרבעט עלף שעה און דער באָס האָט געגעבן אַן אָרדער אַז זיי מוזן אַרבעטן נאָך פיר שעה. מען מוז אַרויסגעבן די אַרבעט דעם זעלבן אָוונט און אויב עס וועט זיין ווייניק די פיר שעה אַרבעט וועט מען מוזן אַרבעטן נאָך אַביסל "אָווערטאַים" אַבי די גאַנצע אַרבעט זאָל זיין פאַרטיק.

די מיידלאַך זיצן קוים איין, זיי זיינען שוין מיד און הונגעריק. זיי האָבן נאָך קיין איין מינוט ניט גערוט. פון גאַנץ פרי אָן זיצן זיי אַזוי איינגעבויגן איבער דער אַרבעט און ווען זיי האָבן מיטאָג צייט עפּעס צוגעביסן, האָבן זיי אפילו ניט געהאַט די צייט אויפצושטיין

און אויסגלייכן זיך, ווייל איידער זיי האָבן אראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן האָט שוין די מאַשין אָנגעהויבן צו הודזשען — צו דער אַרבעט.

עס איז דאָך אפילו ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זיי ווערן אַזוי געטריבן ווי אמת'ע קנעכט פון זייער פאָרמאַן, אָבער קיינמאָל האָט עס זיי אַזוי טיף ניט וויי געטאָן ווי אין דעם היינטיקן און שוויצנדיקן טאָג, האָבן זיי דאָס צווישן זיך שטילערהייד איבערגערעדט און איינע פון זיי, מרים, האָט געזאָגט:

"ווען מיין ברודער וואָלט ניט געווען אַזוי קראַנק וואָלט איך קיין איין מינוט ניט געאַרבעט אין אַזאַ גיהנום. נאָר אַז ער איז נעבאַך אַזוי קראַנק און אַז איך זאָל אים ניט ראַטעווען קען ער שטאַרבן און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל אים אַרויסהעלפן. מוז איך דאָ אַזוי שקלאַפן.

די מיידלאַך קוקן זיך איבער און אַ צווייטע רופט זיך אָן:

"איך האָב אַן אַלטע מאַמע און עס איז ניטאָ קיינער אויסער מיר איר צו העלפן, און אַליין ווילט זיך אויך לעבן, כאָטש וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס! אויך מיר אַ לעבן, אָבער איך ווייס אויך דעם טעם פון אומגיין ליידיק — האַלט איך זיך. עס ווערט מיר אַלע מאָל ביטער אויפן האַרצן, אָבער איך שווייג".

אַ דריטע האָט אונטער דער נאָז אַזוי שטיל אַ זאָג געטאָן אַז מען האָט זי קוים געהערט:

"אָט דאָ ליגט דער אומגליק. מען שווייגט. ווען מען זאָל ניט שווייגן, מען זאָל רעדן וואָלטן זיך שוין געפונען אַרבעטער וואָס וואָלטן אונדז געהאָלפן. אַנדערע שעפּער זיינען אָרגאַניזירט וואָלט אונדזער שאָפּ אויך אָרגאַניזירט געוואָרן".

מרים האָט ווידער זיך אָנגערופן, אַז זי וואָלט געראָדע ניט גע־שוויגן ווען ניט דער אָרימער קראַנקער ברודער אירער.

אָבער פּלוצלונג האָט ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן דער באָס. ער האָט אַ בייזן קוק געטאָן אויף מרים'ן און אויסגעשריען:

"אַריין אין אָפּיס, דאָרט ווּעסטו שוין רעדן!!" ער האָט זיך דאָרט אָף איר גוט אויסגעשריען און זי אַהיים געשיקט.

ווען די מיידלאַך האָבן דאָס דערהערט האָבן זיי אַלע, ווי איין מענטש, געוואָרפן די אַרבעט און אָנגעהויבן טומלען. דער באָס איז אַריין אַ בייזער, אַ צעטומעלטער און געפרעגט וואָס עס איז געשען.

אַלע מיידלאַך מיטאַמאָל האָבן אים געלאָזט וויסן אַז זיי ווילן מער ניט אַרבעטן, ער זאָל זיי שוין באַצאָלן וואָס זיי קומט. זיי ווילן מיט אים מער ניט רעדן. מאָרגן וועט אַ פאָרשטייער פון דער יוניאָן מיט אים רעדן. אויב ער מוז האָבן די אַרבעט פאַרטיק.

די גראַדואירטע

די פאָלגענדיקע קינדער האָבן פאַרענדיקט די פינף קלאַסן פון אונזער שול און באַקומען דיפלאָמעס. די מערסטע פון זיי האָבן זיך שוין אָנגעשלאָסן צו לערנען אין דער ארב. רינג מיטלשול.

שרה דאַבין,
סאָפע קיינער
לאָריין וואָלאָוויטש
יודל וואַגמאַן

יצחק האַלפּערין
רבקה גייער
זכריה דזשאַסטמען
מילדרעד סילווערמאַן

יהודית קאַליש
קאַרל עלמאַן,
סיליע שיקלער
מרדכי מייערס

מאיר פריידין
רחל ליבין
דבורה ליביצקי
סאָפיע פרידמאַן

ירחמיאל לאַנדזבוים
לאה מייערס
שלום פּאַסטעל
משה קאָהן

שרה עוואַנס
חיים ראָזענפעלד
יואל וויליאַמס
פּערעלע טשעלמער

אברהם מילער
ראָדא דיימאָנד
אַנעט ליפשולטץ
אליהו וויינשטיין

בעני זייקין
יהודית גאָראָף
פּעסי בראָנשטיין
ליבע שיינאָף

יאָסל עלבין
דניאל פרידמאַן
מרים האָלאַנד
רייזעלע העלמאַן

שרה סימקין
כייקע פּאַקס
עטל בערנשטיין

בערל קיי
נחמה יאַנאָווער
מרים געלבאַרד

אַ דאַנק חבר ש. סימקינען!

מיר דריקן אויס אַ האַרציקן דאַנק חבר ש. סימקינען, פּאַרזיצער פון פּעדאַגאָגן ראַט, פאַר זיין אומדערמידלאַכער ארבעט ביים צו־זאַמענשטעלן, דרוקן און ארויסגעבן דעם זאַמלבוך פון קינדער שאַ־פונגען.

צענטראַלע שול־פאַרוואַלטונג
פּעדאַגאָגן־ראַט
לערער־ראַט

○

אַ באַגריסונג

אַ האַרציקע באַגריסונג צו די חברים גראַדואירטע, עלטערן, לערער און שול טוער צו דעם היינטיקן יום־טוב:

מ. ראַבינאָוויטש, י. הילמאַן, מירל מאַרגאָלים

○

אַ דאַנק

אין נאָמען פון פּעדאַגאָגן־ראַט און צענטראַלן שול קאָמיטעט, דרק איך אויס אַ האַרציקן דאַנק צו אונזער פריינט טש. קיי, פאַר זיין קאָאָפּעראַציע און מיטהילף וואָס ער האָט אונז געגעבן אין דער ארויסגעבונג פון אונזער זאַמלבוך פון קינדער שאַפונגען "יונג לעבן".

שלום סימקין, פּאַרזיצער פּעדאַגאָגן־ראַט

ליבאָר וואָירלד פּרעס
508 סאוט קעדזי עוועניו
שיקאַגאָ, איל.

379